STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05173

DI YUNYONS, DER FAREYNIKTER FRONT, DI LEYBOR PARTEY

Earl Browder

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Sidney & Phyllis Beck
in memory of
their parents & grandparents

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוירל בראודער

די יוניאָנס
דער פֿאַראייניקטער פראָנט
די לייבאָר פּאַרטיי

די אויפגאַבן פון די רעוואָלוציאָנערע
אַרבעטער אין קאַמף קעגן
קאַפּיטאַליסטישן אַנגריף

פֿאַרלאַג אידביוראָ
1935

פּרייז 5 סענט

הויפּט-פאַרקויף :
פריַיהייט בוך-סטאָר
35 איסט 12טע גאַס
ניו יאָרק

•

צווייטע אויפלאַגע
טיראַזש 10,000
209

באריכט צום פלענום פון צענטראל־קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי פון די פאראייניקטע שטאטן, יאנואר 15־18, 1935.

צום אלעם ערשטן, וועגן דער אנטוויקלונג אין דער אינטערנאציאנאלער סיטואציע. איינער פון די צייכנס פון דער צייט איז, וואס נעכטן האבן די צייטונגען איבערגעגעבן די רעדע פון סענאטאר נאי, אין וועלכער ער האט באהויפטעט, אז „מען קאן זאגן מיט זיכערקייט אז מיר זיינען היינטיקן טאג נעענטער צו דער מלחמה איידער מיר זיינען געווען דרייסיק טעג פאר דער וועלט־מלחמה.” נאי רעדט ניט ווי א פריוואטער פערזאן; ניט נאר איז ער א סענאטאר, נאר ער איז אויך דער פארזיצער פון דער אמוניציע־אויספארשונג, וואס האט אים זייער נאענט צוגעפירט צו דער פראגע וועגן דער נאענטקייט פון מלחמה. זיין באהויפטונג איז ניט קיין איינציקע. בעת א יאר אדער צוויי צוריק זיינען די קאמוניסטן געווען די איינציקע צו רעדן פון דער מלחמה געפאר, רעדט שוין איצט יעדער איינציקער וועגן דעם כמעט אין די זעלביקע טערמינען ווי די, וועלכע סענאטאר נאי האט גענוצט.

זינט דעם לעצטן מיטינג פון אונזער צענטראל־קאמיטעט זיינען פארגעקומען א ריי וויכטיקע געשעענישן וואס אונטערשטרייכן אט־די פראגע. אין דער ערשטער ריי איז פארגעקומען דער מארד־אנפאל אף אונזער חבר קיראוו, איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין דעם סאוועטן־פארבאנד, איינער פון די נאענסטע מיטארבעטער פון חבר סטאלין. אט דער בלוטיקער אנפאל איז אן שום צווייפל געווען א טייל פון א העכסט־ארגאניזירטער קאנספיראציע פון אינטערנאציאנאלן פארנעם, וואס האט געזאלט זיין אן ענטפער אף די קאלאסאלע דערגרייכונגען פון אונזער סאציאליסטישן פאטערלאנד אין

דעם אויפבוי פון דער נייער אָרדענונג. ער האָט באַצוועקט ניט נאָר אַריינצוואַרפן אַ צעמישעניש אין די רייען פון די רוסישע אַרבעטער, נאָר אין דער זעלבער צייט אויך דערמוטיקן און פּראָוואָצירן די אימפּעריאַליסטישע אַטאַקע קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס איז אַ באַשטימטער טייל פון אַ קאַמפּאַניע אין דער ריכטונג צו מלחמה.

די פּאַסירונגען וואָס רינגלען אַרום דער סאַאַר־אָפּשטימונג, וואָס אירע רעזולטאַטן זיינען אונז ערשט איצט באַקאַנט געוואָרן, האָבן זיך נאָך בשום אופן ניט פאַרענדיקט מיט דער באַקאַנטמאַכונג וועגן דער אָפּשטימונג. די סאַאַר בלייבט נאָך אַלץ איינער פון די פּונקטן פונם גרעסטן דרוק אין דער אימפּעריאַליסטישער סיסטעם, אַרום וועלכער עס וויקלען זיך די כחות פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. דאָס איבערייסן די פּלאַט־פאַרהאַנדלונגען שטרייכט נאָך מער אונטער די סיטואַציע און ברענגט אַרויס אין פאָדערגרונט פון דער מלחמה־געפאַר, ספּעציעל אין פאַרבינדונג מיט די אויפגאַבן פון דער אַמעריקאַנער קאָמפּאַרטיי, די פאַרשאַרפונג פון די יאַפּאַנעזיש־אַמעריקאַנישע אַנטאַגאָניזמען, וועלכע שפּילן אַן ענדגילטיקע ראָל אין דעם גאַנצן פּראָצעס פון דער איבערגרופּירונג אין די אימפּעריאַליסטישע כוחות פון דער גאַנצער וועלט. עס איז ביטאָ קיין צווייפל, אַז ווען ניט די דראָאונג פון רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונגען און די גוואַלדיק־אויסגעוואַקסענע פאַרטיידיקונגס־כוחות פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַף וועלכע עס שפּאַרט זיך אָן די אַגרעסיווע שלום־פּאָליטיק פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָלט שוין די מלחמה לאַנג געהאַט אויסגעבראָכן.

די שטייגנדיקע כוואַליע פון רעוואָלוציאָנערע קאַמפּן — הויפּטזאַכלעך די שלאַכטן אין שפּאַניע און דער וואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער קריזיס אין קובאַ, גלייך לעבן אונזער טיר, האָט פאַרשטאַרקט די קאַמפּס־כוחות קעגן מלחמה, אָבער אין דער זעלביקער צייט מאַכט עס מעגלעכער, אַז וועלכע עס איז פּאַסירונג

וואָס איז מער אָדער ווייניקער צופעליק זאָל אויפריסן דעם פולווער־פאַס פון אימפעריאַליסטישע אנטאַגאָניזמען.

די גאַנצע אַרבעט פון אונזער פאַרטיי דאַרף ווערן אָנגעפירט אין דער ליכט פון אָט־דער וועלט־סיטואַציע. עס איז ניט נויטיק פאַר אונז נאָכאַמאָל צו געבן אַ דעטאַליזירטן אַנאַליז פון אָט־די פּראָבלעמען, אָבער עס איז נויטיק אַז מיר זאָלן זיך דערמאָנען אַז זיי זיינען דער פונדאַמענט, אַף וועלכן מיר דאַרפן באַהאַנדלען די טעגלעכע פּראָבלעמען פון אונזער אַרבעט.

איצט עטלעכע ווערטער וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמישער סיטואַציע זינט דעם לעצטן מיטינג פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט. דורך אָט דער קורצער צייט זיינען אין דעם עקאָנאָמישן געביט געווען אַ היבש ביסל אַרויף־און־אַראָפּ־גאַנגען. אין אָקטאָבער און נאָוועמבער האָבן די עקאָנאָמישע טעטיקייטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן דערגרייכט דעם דנאָ פון אַ נייער ירידה, וואָס איז כמעט געווען די פלאַך וועלכע איז דערגרייכט געוואָרן אונטער הואווערן צוויי יאָר צוריק, אין נאָוועמבער 1932.

די נייע שטריכן פון דער רוזוועלט־פּאָליטיק

איצט האָבן מיר ווידער אַן אומבאַדייטנדיקע פאַרבעסערונג. מיר קאָנען ניט פאָראויסזאָגן ווי ווייט זי וועט גיין, מיר קאָנען ניט פאָראויסזאָגן אין וועלכן מאָמענט עס וועט צוריקקומען די ירידה, אָבער מיר קאָנען פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז אָט־די אַלע פלוקטואַציעס אַרויף און אַראָפּ, אין די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָר, זיינען פאָרגעקומען אין גרענעצן, וועלכע זיינען געווען נידעריקער ווי דער העכסטער פונקט פון דער אינפלאַציע־פּאָליטיק אין די ערשטע מאָנאַטן פון דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע און העכער ווי די נידעריקסטע פלאַך אין דער הואווער־אַדמיניסטראַציע. דאָס מיינט אַז די אַלע אַרויפס און אַראָפּס העלפן אונטער־

צושטרייכן יענע כאַראַקטעריסטיק וואָס סטאַלין האָ געגעבן מיט אַ יאָר צוריק, אַז דער קריזיס איז אַריינגעטראָטן אין אַ פּעריאָד פון דעפּרעסיע, אָבער דאָס איז אַ דעפּרעסיע פון אַ ספּעציעלן סאָרט — אַ פאַרלענגערטע דעפּרעסיע, וואָס גיט ניט קיין שום האָפענונגען אַז עס זאָל קומען צוריק צו פּראָספּעריטי. אַלץ וואָס עס טרעפט זיך איצט באַשטעטיקט אָט־דעם אַנאַליז.

עס איז נויטיק צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די נייע שטריכן פון דער פּאָליטיק, וואָס די רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע פירט דורך. זינט אונזער לעצטן מיטינג האָט זיך די אַדמיניסטראַציע ענדגילטיק אַ קער געטאָן רעכטס־צו. זי האָט זיך ענדגילטיק געשטעלט דעם ציל צו לייגן אַ בריק צווישן זיך און צווישן דער פּאָליטיק פון דער „ליבערטי ליג”. די פּאָליטיק וועגן אַרבעטלאָזיקייט און די אַזוי־גערופענע „סעקיוריטי פּראָגראַם” באַשטעטיקן דאָס אינגאַנצן.

אָט־די פּאָליטיק האָט שוין אַפילו מער ניט קיין דעמאַגאָגישע ווערט. די לייבאָר־פּאָליטיק, די פּאָליטיק אין באַצוג צו די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס איז אַוועק אַפילו ווייטער; זי האָט זיך נאָך מער אַוועקגערוקט, מיט מער באַשטימטקייט, פון די דעמאַגאָגישע צוזאָגן פון דער סעקציע „7־א”, מער אַנטשיידנדיק אין דער ריכטונג צו מאַכן מעגלעך די קאָמפּאַניע־יוניאָנס וואָס זיינען נויטיק ניט צו דערלאָזן צו אָרגאַניזירן אמת׳ע טרייד־יוניאָנס, און, דאָרט וואו עס איז מעגלעך, קעגן וועלכן עס איז יוניאָניזם.

עס איז פאַר אונז באַזונדער וויכטיק צו נעמען אין אַכט די ערשטע פּאָליטיק פון דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע, דערפאַר ווייל זי העלפט אונז מער אונטערשטרייכן די גינסטיקע מעגלעכקייטן פאַר אונזער אַרבעט צווישן די ברייטסטע מאַסן, און ספּעציעל אין די אָרגאַניזאַציעס פון דער א. פ. אָוו ל., ווייל אָט־די אַנטוויקלונג ברענגט אַרויס פאַר די מאַסן אין אַ פיל שאַרפערער פאָרמע ווי ווען עס איז פריער, די ווידער־

שפרוכן צווישן די באלדיקע אינטערעסן פון די מאסן און דער פאליטיק פון דער פירערשאפט פון דער א. פ. או ל. די אומשטענדן אונטער וועלכע די ביוראקראטיע פירט היינט צו טאג דורך איר פאליטיק, זיינען פיל שווערערע, דער מאנעווריר־באדן איז געווארן פיל שמעלער, און אלע מעגלעכקייטן צו פירן די מאסן און אריבערגעווינען זיי צו אונזער פאליטיק פון קלאסן־קאמף אין אסאך גרעסערע צאלן, האבן זיך זייער פיל פארגרעסערט.

צוזאמען מיט דער גאנצער אנטוויקלונג וואס אונטערשטרייכט די עקאנאמישע רעזולטאטן פארן יאר 1934, וועלכער איז געווען א יאר פון פארגרעסערטע פראפיטן פאר די קאפיטאליסטן און פון א ירידה אין די לעבענס־סטאנדארן פון די מאסן, האבן מיר די גלייכצייטיקע אנטוויקלונג פון א פאשיסטישער מאסן־באוועגונג אין איר ערשטער שטופע. עס איז נויטיק אלץ מער און מער, פאר דער בורזשואזיע, א קאנצענטרירטע אטאקע קעגן די לעבנס־סטאנדארדן פון די מאסן, דערגאנצנדיק די מעטאדן פון דעמאגאגיע מיט די מעטאדן פון אפענער פאשיסטישער געוואלט. דאס מיינט ניט, אז מען וועט שוין מער ניט אנקומען צו דעמאגאגיע, נאר גיכער מיינט דאס, אז די דעמאגאגיע אינקארפארירט אין זיך אלץ מער און מער די דירעקטע פיזישע אטאקעס קעגן יעדן אויסדרוק פון רעוואלוציאנערער מאסן־ארגאניזאציע און אקציע.

די אנטדעקונגען פון סמעדלי באטלער ווארפן אן אינטערעסאנטן ליכט אף אט־די אלע זאכן וואס קומען פאר אונטער דער אויבערפלאך, אבער זיי האבן בשום אופן ניט אנטדעקט די וויכטיקסטע פאקטן. די דערשיינונג פון אזא פיגור ווי דער האלב־פאשיסט, הואי לאנג, אלס א וויכטיקע נאציאנאלע פאליטישע פיגור, האט אויך א וויכטיקן צוזאמענהאנג מיט אט־דער פראבלעם.

דער אנהויב פון א נאציאנאלער מאסן־ארגאניזאציע ארום דעם ראדיא־גלח פאטער קאגלין, איז אויך

א סימפּטאָם פון אָט־דער אַנטוויקלונג. און מער ווי אַלץ מוזן מיר נעמען אין אַכט הוירסט'ס אָפענע פאַשיסטישע קאַמפּאַניע אין זיין פּרעסע, וואָס האָט שוין אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַן אַטאַקע קעגן אַלעמען, אַפילו קעגן די ליבעראַלע טענדענצן אין די שולעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און וואָס נעמט שוין פאַקטיש אָן אַלע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון די ערשטע שטופּן אין היטלער'ס קאַמפּאַניע אין דייטשלאַנד.

מיר האָבן שוין אַנאַליזירט, אין דאָקומענטן און אין אַרטיקלען וואָס מיר האָבן געמאַכט צוגענגלעך פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי, די הויפּט־שטרייכן פון דעם אויפשוואונג ביי דעם אַרבעטער־קלאַס און ביי די האָרעפּאַשנע קלאַסן בכלל, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אינם יאָר 1934 אַלס ענטפער אַף די אַטאַקעס פון דער בורזשואַזיע. עס איז ניט נויטיק פאַר אונז צוצונעמען די צייט פון דעם מיטינג מיטן איבערגיין נאָכאַמאָל אָט־די אַלע פאַקטן. מיר ווילן נאָר אָנווייזן, אַז אָט־די אַלע זאַכן זיינען וויכטיק פאַר אונזער ווייטערדיקער דיסקוסיע.

מיר מוזן אונטערשטרייכן, אַז טיפע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אין דער לעצטער צייט אַלס אַ רעזולטאַט פון אָט־די אַנטוויקלונגען. טריט נאָך טריט האָבן מיר זיך צוגעפּאַסט צו אָט־די ענדערונגען אין פאַרלויף פון דעם יאָר. מיר האָבן געהאַלטן אין איין מאָדיפיצירן און אויסהאַמערן אונזער פּאָליטיק, אָנשטרענגענדיק זיך צו האַלטן אונזערע פיס פעסט אַפן באָדן ביי יעדן טריט פון דער אַנטוויקלונג, ניט אַריינגייענדיק אין קיין שום ספּעקולאַציעס, אויספּרובירנדיק כסדר אונזער באָדן, און מאַכנדיק די ווייטערדיקע טריט אין דער אַנטוויקלונג פון אונזער פּאָליטיק. די ריכטיקייט פון אָט דער פּאָליטיק איז שוין באַוויזן געוואָרן ניט נאָר פאַר דער פירערשאַפט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון אונזער פּאַרטיי, נאָר אויך פאַר דער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט אַלס אַ גאַנצע, און פאַר די

בריטע מאסן, וועלכע רינגלען ארום אונזער פארטיי, — ווי עס איז אויך באשטעטיקט געווארן די ריכטיקייט פון אונזער באשלוס נאכדעם ווי די אנטוויקלונג איז שוין פארגעקומען. מיר קאנען זאגן, אז דער סאמע דערפאלגרייכסטער שטריך אין דער ארבעט פון דעם צענטראל־קאמיטעט פון אונזער פארטיי אין את־דעם פארגאנגענעם יאר באשטייט אין דעם, וואס מיר האבן הונדערט פראצענט מיטגעפירט מיט אונז די פארטיי און די ארבעטער, בא וועלכע עס איז ניט פארבליבן דער מינדסטער צווייפל בנוגע דער ריכטיקייט פון את־די פאליסיס אין פארבינדונג מיט יעדער ענדערונג און קער וואס מיר האבן געמאכט.

די נייע ווענדונג אין דער טרייד־יוניאן פאליטיק

איך וועל צוערשט רעדן וועגן דער נייער ווענדונג אין אונזער טרייד־יוניאן פאליטיק. דאס איז דער פונדאמענט פון אונזער גאנצער ארבעט. מיר האבן געמאכט וויכטיקע ענדערונגען אין אונזער טרייד־יוניאן טאקטיק אין פארלויף פונם יאר 1934. איניקע פון זיי האבן מיר דיסקוטירט אפן אכטן צוזאמענפאר פון אונזער פארטיי. מיר האבן דאס ווייטער אנטוויקלט אף די צוויי נאכפאלגנדיקע מיטינגען פונם צענטראל־קאמיטעט. די אלגעמיינע ריכטונג פון את־די ענדערונגען איז געווען קלאר פאר דער פארטיי פון סאמע אנהויב אן. זיי זיינען באשטאנען אין איבערשטעלן די באטאנונג פון ארבעט אין די אומאפהענגיקע יוניאנס אף ארבעט אין די גרעסערע מאסן־ארגאניזאציעס אין דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר. עס איז קלאר, אז דער כוח וועלכער האט פאראויס־באשטימט את־די איבערשטעלונג איז געווען דער אריינפלוס פון פיל הונדערטער טויזנטער נייע ארבעטער פון די גרונט־אינדוסטריעס, איינשליסנדיק גרויסע מאסן פון די אומקוואליפיצירטע און האלב־קוואליפיצירטע, ווי אויך ארבעטער פון מאסן־פראדוציר־אונטערנעמונגען און

פון די גרונט־אינדוסטריעס, אין די א. פ. אָוו ל. יו־ניאָנס, און די שטייגנדיקע ראַדיקאַליזירונג פון דער אַלטער מיטגלידערשאַפט פון די רעפאָרמיסטישע יו־ניאָנס.

אָט־די פאַקטאָרן האָבן אויפגעעפנט נייע און גרע־סערע מעגלעכקייטן פון מאַסן־אַרבעט אין די גרעסערע רעפאָרמיסטישע יוניאָנס, האָבן באַאַרבעט אַ פעלד וואָס האָט ניט עקזיסטירט אַ לענגערע צייט. איצט קאָנען מיר אַלס רעזולטאַט פון אונזער קאָנקרעטע אַנטוויקלונגען אין דורכפירן אָט־די ענדערונג אין פּאָליטיק, סומירן אַף דעם מיטינג פון צענטראַל־קאָמיטעט די רעזולטאַטן פון אונזער לעצטן יאָר אַרבעט און קלאָר מאַכן אין אַלגעמיין די גאַנצע פראַגע אין גענויערע און מער אומ־פאַסנדיקע טערמינען ווי מיר האָבן דאָס פריער געקאָנט טאָן. די ליניע איז קלאָר. די פּראָבלעמען זיינען אויס־געאַרבעט געוואָרן אין פּרינציפּ. מיר האָבן באַוויזן אין אַקציע צווישן די מאַסן די ריכטיקייט פון דער פּאָליסי, וואָס מיר האָבן אַנטוויקלט. מיר זיינען איצט אימשטאַנד צו זאָגן זייער קלאָר און גענוי, אַז די הויפּט־אויסגאַבע פון דער פּאַרטיי אין דער ספערע פון טרייד־יוניאָן אַרבעט מוז זיין די אַרבעט אין דער א. פ. אָוו ל., כדי ענערגיש און אומדערמידלעך מאָביליזירן די מאַסן מיטגלידער אין זייערע טרייד־יוניאָנס אַלס גאַנצע, צו פאַרטיידיקן זייערע טאָג־טעגלעכע אינטע־רעסן, צו אַנטוויקלען די פּאָליטיק פון קלאַסן־קאַמף אין מאַסן יוניאָנס פון דער א. פּ. אָוו ל., קעמפנדיק אַף דער באַזע פון טרייד־יוניאָן דעמאָקראַטיע, פאַר אומאָפּהענגיקער פירערשאַפט פון די קאַמפן, ניט קוקנ־דיק אַפן סאַבאָטאַזש און די פאַרראַטן פון די טרייד־יוניאָן ביוראָקראַטן.

מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אָן שום ספק, אַ גוואַל־דיקע פאַרגרעסערונג אין אונזערע כוחות דורך דעם וואָס מיר האָבן מוטיק און אַגרעסיוו גענומען די איני־ציאַטיווע אינם קאַמף פאַר אייניקייט אין די טרייד־יוניאָנס. אינם קאַמף פאַר איין פאַראייניקטער טרייד־

יוניאָן באַוועגונג, אינם קאַמף פאַר איר אינדוסטריעלן געבוי, פאַר אָרגאַניזירן די אומאָרגאַניזירטע, פאַר אַמאַלגעמירן די פאַך־יוניאָנס לויט אינדוסטריעלע ליניעס; אין קאַמף פאַר טרייד־יוניאָן דעמאָקראַטיע אין אַט־די יוניאָנס אין די אַלגעמיינע ראַמען פון דער א. פ. אָוו ל. מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אין אַט־דער אַנטוויקלונג שפּילן די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס אַ זייער ערנסטע און וויכטיקע ראָל. איך האַלט ניט, אַז עס איז נויטיק פאַר מיר אַף אַט־דעם מיטינג נאָכאַמאָל פעסטצושטעלן די היסטאָרישע באַרעכטיקונג פון די רעוואָלוציאָנערע אומאָפּהענגיקע יוניאָנס. זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין נויטיקע אינסטרומענטן אין דעם קלאַסן־קאַמף, אָן וועלכע מיר וואָלטן קיינמאָל ניט האָבן די איצטיקע סיטואַציע פון אַ גרויסן פאָרשריט אין דער א. פ. אָוו ל. אויך אין דעם מאָמענט, האָבן די אומאָפּהענגיקע רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דעם קאַמף פאַר דער אַלגעמיינער פאַראייניקונג אין דעם טרייד־יוניאָן באַוועגונג, און פאַר איינשטעלן די פאַליסים פון קלאַסן־קאַמף אין דער א. פ. אָוו ל.

די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס, וועלכע האָבן גענומען די איניציאַטיווע אין פירן אַט־דעם קאַמף, האָבן זיך ניט אָפּגעשוואַכט מיט דעם, נאָר האָבן זיך פאַרשטאַרקט, און דאָרט וואו עס איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענגוס מיט די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס, איז עס ניט געווען פאַר דער פּרייז פון אָפּשוואַכונג פון די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס, נאָר פאַר מער אויסברייטערן און פאַרטיפערן די מאַסן־וואָרצלען פון דער רעוואָלוציאָנערער טרייד־יוניאָנס באַוועגונג. אַלס אַ בולט'ן ביישפּיל קאָנען אונז דינען די פעטערסאָנער זייד־אַרבעטער און פאַרבער, וועלכער גיט אַן ענטפער וואָס דאַרף איבערציינגן אונזערע סקעפּטישע חברים, וואָס דאַרף איבערציינגן יעדן איינציקן אויסער די אומהיילבאַרע עגאָמאַניאַקס און רענעגאַטן ווי זאַק. מיר האָבן פעסטגעשטעלט דעם פאַקט, אַז בעת מיר וועלן שטיין נאָך

א נאנגע צייט פנים אל פנים מיט דער נויטיקייט פון האבן אומאפהענגיקע יוניאנס אין איין געביט אדער א צווייטן, אז מיר קאנען ניט האבן קיינע אוטאפיסטישע האפענונגען אז מיר וועלן גלייך באווייזן צו פאראייניקן די טרייד־יוניאן באוועגונג אין דער א. פ. או ל. פונדעסטוועגן איז בעסער, — כדי אפילו אויפצוהאלטן און פארשטארקן אט־די אומאפהענגיקע יוניאנס וועלכע מוזן פארבלייבן אומאפהענגיק, — מיר זאלן צוגיין צו דער פראגע, אז אין פרינציפ זיינען מיר פאר פולשטענדיקער פאראייניקונג; אז די אומאפהענגיקע עקזיסטענץ פון קלענערע טרייד־יוניאנס איז א צייטווייליקע זאך, און אז דאס איז ניט אין קיין שום זינען ביי אונז קיין פראגע פון פרינציפ. מיר האבן שוין באוויזן, אז אט דער צוגאנג שוואכט ניט אפ די ארבעט אין די אומאפהענגיקע יוניאנס. די וועלכע האבן געפרואווט ארויסצוקומען קעגן אט־די ענדערונגען, קעגן אט־דער טרייד־יוניאן ליניע, וועלכע האבן זיך איינגעשטעלט פאר א פאליסי צו ליקווידירן זיי מעכאניש, האבן געקראגן זייער ענטפער דורך דעם פאקט, וואס אט־די אומאפהענגיקע יוניאנס, וועלכע וואקסן און פארשטארקן זיך, זיינען גראד אט־די וועלכע שטייען אם נאענטסטן צו דער קאמוניסטישער פארטיי. מיר האבן באוויזן אין לעבן, אז די פאליסי פון דער קאמוניסטישער פארטיי פארהיט אמבעסטן די אינטערעסן פון אט־די ארבעטער און איז די בעסטע פארטיידיקונג פון וועלכע עס איז טענדענצן פון ליקווידאציע. אין פראצעס פון דורכפירן אט־די ענדערונגען האבן מיר געלערנט, אז די ענדערונג מוז זיין א פיל טיפערע. דערווייל איז אט־די ענדערונג ניט אינגאנצן דורכגעפירט געווארן. דערווייל האט זי נאך ניט גענוג דורכגעדרונגען, באווירקט, און געביטן די געוואוינהייטן און מעטאדן פון דער ארבעט פון אונזערע חברים אין די אונטערשטע רייען. דאס שפיגלט זיך ספעציעל אפ אין באצוג צו אונזערע טעגלעכע ענטפערס אף די טעגלעכע פראגן פון אונזערע באציאונגען אין די א. פ.

אָוו ל. יוניאָנס.

אַף דעם מיטינג איז נויטיק פאַר אונז, אַז מיר זאָלן זען צו ענדערן דעם טאָן אין אונזער באַוועגונג פון אונטן ביז אויבן, מיט וועלכן מיר גייען צו און פאַר־האַנדלען מיט די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס. מיר דאַרפן ניט האָבן אַזאַ טאָן ווי מיר גייען צו צו פיינטלעכע אָר־גאַניזאַציעס. בעת מיר קריטיקירן און דעקן אויף קאָנ־קרעטער און ווירקזאַמער די פאַררעטערישע פירער־שאַפט פון דער ביוראָקראַטיע, מוזן מיר דאָס טאָן אַף אַזאַ אופן, וואָס איז באמת איבערציינגנדיק פאַר די ברייטסטע מאַסן מיטגלידער, און אין אַ טאָן וואָס זאָל ניט געבן קיין איינציקן אַרבעטער די געלעגנהייט צו גלויבן אַז ער זעט אין אונז אַ שטערונג פאַר אויפבויען און פאַרשטאַרקן זיין יוניאָן — וואָס ער באַטראַכט אַלס זיין יוניאָן. מיר מוזן מאַכן דעם צוגאַנג ניט פון קעמפן קעגן די פונקציאָנערן אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, נאָר פון צוזאַמענציען אַלע ערלעכע פונק־ציאָנערן,—און אַזעלכע זיינען פאַראַן אין די טויזנטער אין די אונטערשטע רייען, — און אַריבערגעווינען זיי פאַר אונזער באַוועגונג, און מאַכן אָט־די אונטערשטע אַקטיוויסטן פון דער א. פ. אָוו ל., אַז זיי זאָלן זיין אמת׳ע כוחות פאַר דער רעוואָלוציאָנערער טרייד־יוניאָן באַוועגונג.

מיר מוזן אויך פעסטשטעלן, אַז מיר זיינען ניט אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכע קריטיקירנדיקע אָפּאָזיציע אין דער יוניאָן, נאָר אַז מיר זיינען די סאַמע אַקטיווסטע און סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכסטע טייל פון דער יוניאָן; אַליין גרייט צו נעמען די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פירערשאַפט און דער אַדמיניסטראַציע פון דער יוניאָן אַלס אַגאַנצע, און זיין פאַראַנטוואָרטלעך צו דער גאַנצער מאַסע פון דער מיטגלידערשאַפט. און אין פאַרבינדונג מיט דעם, מוזן מיר רעדן זייער קאָנ־קרעט קעגן די אַלטע געוואוינהייטן פון געדאַנק און אַלטע מעטאָדן פון אַרבעט אין די רעפאָרמיסטישע יו־ניאָנס, וועלכע האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט אַרום

דעם באגריף פון אָפּאָזיציע און מינאָריטעט־באוועגונגען. ארום אָט־די צוויי טערמינען האָבן זיך אויסגעקריסטאליזירט גאנצע קלייזלדיקע געוואוינהייטן פון געדאנק, וואו מיר האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דעם לעבן פון דער יוניאָן, אָן שום דערוואַרטונגען און האָפענונגען אַף ווען עס איז ווערן די פירערשאַפט און אדמיניסטראציע, נאָר ווערן א קליינע גרופּע פון פּרינציפּעלער אָפּאָזיציע, וועמען די מיטגלידערשאַפט דערוואַרט שטענדיק צו זיין קעגן יעדער זאַך און קיינמאָל ניט טאָן קיין פאראנטוואָרטלעכע ארבעט אין דער יוניאָן פאַר דער לייזונג פון פּראָבלעמען.

די זעלביקע זאַך קאָן אויך אָנגעווענדט ווערן צו דעם באגריף פון מינאָריטעט־באוועגונגען, פון א שטענדיקער מינאָריטעט. מיר קומען ניט אריין אין די יוניאָנס צו פארבלייבן אין דער מינאָריטעט, נאָר אריבערצוגעווינען די מאַיאָריטעט אין דער מעגלעכסטקורצסטער צייט, אָפּצושאַפן די גאנצע אידעאָלאָגיע פון אונזערע פאָרמען און געוואוינהייטן וואָס מיר האָבן.

דאָס מיינט, אז בעת מיר מוזן צוגעבן דעם קאַמף אַן אָרגאניזירטע פאָרמע, דאַרף מען אויך זען אז ער זאָל ניט ווערן אומעטום אָנגעווענדט אַף א סכעמאַטישן און מעכאַנישן אופן, נאָר אז די אָרגאַניזירטע פאָרמע זאָל ארויסוואקסן פון דעם אינטימן לעבן פון אָט־דער יוניאָן, אזוי אז אַלע ארבעטער וועלן פארשטיין אז מיר זיינען נייט קיין אויסנווייניקסטע קערפּערשאַפט, נאָר אז אפילו די וואָס זיינען קעגן אונז זאָלן מוזן זען אז מיר זיינען א נאַטירלעכער און לעגיטימער טייל וואָס וואַקסט ארויס פון אָט־דער יוניאָן, אז מיר זיינען די מיטגלידער פון דער יוניאָן.

דאָס זיינען די הויפּט־שטריכן וואָס מיר שטעלן פעסט אין אונזער רעזאָלוציע וועגן דער טרייד־יוניאָן פראַגע, וועלכע ליגט פאַר אייך. מיר מאַכן א וויטערן שריט אין אָט־דער רעזאָלוציע, אָבער דאָס איז א טריט וועלכער איז לאָגיש און אומפארמיידלעך, וואָס סומירט און רונדעט אָפּ אַלע אונזערע טריט וואָס מיר

האָבן געמאַכט אינם לעצטן יאָר. מיט דער רעזאָלוציע, דענק איך, קאָנען מיר זאָגן אז די אָפּשאַצונג פון אונזער טרייד־יוניאָן פּאָליטיק אין איינקלאַנג מיט דער איצ־טיקער סיטואַציע, איז איצט פאַרפולקאָמט געוואָרן, אז אונזער פּראָבלעם איצט איז צו געפינען די קאָנ־קרעטע וועגן, דורך וועלכע מיר קאָנען גרינדן אומעטום און אין יעדער אינדוסטריע אַזעלכע מעכטיקע פונדאַ־מענטן פאַר אונזער באַוועגונג ווי עס זיינען שוין אין עטלעכע קורצע מאָנאַטן אַנטוויקלט געוואָרן אין איי־ניקע פּלעצער אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, אייניקע אָנפאַנגען אין שטאָל, אין מאַיִנינג, א. אַז. וו.

פּראָבלעמען פון פאַראייניקטן פראָנט

איצט אַ פּאָר ווערטער בנוגע מאַנכע ספּעציעלע פּראָבלעמען וועגן פאַראייניקטן פראָנט. די טרייד־יוניאָן פראַגע איז, פאַרשטענדלעך, פונדאַמענטאַל אין פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער פּראָבלעם פון פאַר־אייניקטן פראָנט. די צייכנס פון דער אַנטוויקלונג פון באַוועגונגען פאַרן פאַראייניקטן פראָנט צווישן די אַר־בעטער, קאָן מען הויפּטזאַכלעך זען אין די טרייד־יוניאָנס. טאַקע אין פאַרבינדונג מיט דעם האָבן מיר גערעדט וועגן זייער אויסדרוק אין פאַרשידענע אינ־דוסטריעס און אין אַזעלכע דערשיינונגען, ווי דער פּאַטש אין פּנים וואָס גרין׳ס צירקולאַר וועגן דער אויסשליסונג פון קאָמוניסטן האָט באַקומען.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מער ווי אין די מערסטע פירינדיקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איז די פּראָבלעם פון פאַראייניקטן פראָנט ברייטער ווי אַריבערגעווינען די אַרבעטער אין און אַרום דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי. די פּראָבלעמען פון פאַראייניק־טען פראָנט איז קודם כל די פּראָבלעם פון די טרייד־יוניאָנס, פון ברייטע קרייזן ניט־פּאַרטייאישע אַרבע־טער, אָדער נאָכפאָלגער פון די אַלטע פּאַרטייען, און פון די ניט־פּראָלעטאַרישע שיכטן. דאָך מוזן מיר ניט

צוליב דעם אונטערשאַצן די וויכטיקייט פון דער פראַגע וועגן אונזער באַציאונג צו די אַרבעטער, וועלכע געהערן צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, ניט געקוקט אויף איר שוואַכן און דעמאָראַליזירטן צושטאַנד אין דער איצטיקער צייט, האָט ריזיקע מעגלעכקייטן צו שעדיקן די באַוועגונג פונם אַרבעטער־קלאַס, וואָס מיר קאָנען בייקומען בלויז דורך אַ ריכטיקן פּאַראייניקטן פראָנט צוגאַנג און דורך אַריבערגעווינען די נאָכפאָלגער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאַר פּאַראייניקטע פראָנט־אַקציעס. די צענטראַלע פראַגע, וואָס מיר האָבן נאָך ניט גענוג געלייזט אין דער פּראַקטיק אין דער אַנטוויקלונג פון אַלע פאַזן פון אונזער פּאַראייניקטער פראָנט טעטיקייט, איז דער פאַקט, וואָס דורכפירנדיק פאַרשידענע פּאַראייניקטע פראָנט טעטיקייטן האָבן מיר ניט אַנטוויקלט אַ זייער ברייטע מאַסן־אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע וועגן דער ראָל פון אונזער פּאַרטיי. מיר פלעגן אויסדריקן די דאָזיקע פּראָבלעם אין דער וואָרענונג קעגן באַהאַלטן דעם פּנים פון דער פּאַרטיי. אָבער אָט־די אַלטע פראַזע איז שוין אַזוי גוט ווי אָפּגעריבן און ווערט מעכאַניש אָנגעווענדט בנוגע געוויסע סיטואַציעס און ווערט פאַרענטפערט אויף אַ מעכאַנישן אופן. לאָמיר נאָכאַמאָל אַוועקשטעלן די דאָזיקע פּראָבלעם. לאָמיר אַוועקשטעלן אָט־די פראַגע פון שטאַנדפּונקט פון די אויפגאַבן פון אונזער פּאַרטיי אין אויסנוצן די פּאַראייניקטע פראָנט טעטיקייט כדי אויפצוקלערן די ברייטע מאַסן וועגן דעם וואָס עס איז אונזער פּאַרטיי, וואָס עס איז אונזער פּראָגראַם, וואָס עס איז אונזער פּראַקטישע פּראָגראַם, אום צו ברייננען דורך אונזער פּאַראייניקטע פראָנט טעטיקייטן די ברייטסטע מאַסן ניט בלויז אין באַרירונג מיט אונזער מיטגלידערשאַפט, נאָר אויך געבן זיי אַ באַגריף וועגן אונזער פּאַרטיי אַלס די אָרגאַניזירטע טרייב־קראַפט אין דעם פּאַראייניקטן פראָנט.

אין משך פון לעצטן יאָר האָבן מיר געזוכט צו לער־

נען דער פּאַרטיי דורך בּיישפּילן ווי אַזוי דאָס קאָן געטאָן ווערן און ווי אַזוי עס איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן אָט־די רייד וועגן אויפקלערן די מאַסן בנוגע דער ראָל פון דער פּאַרטיי און די גלייכצייטיקע אויפגאַבּע פון בּויען דעם פּאַראייניקטן פראָנט אַף דער מעגלעכסט בּרייטסטער בּאַזע. אַלע פּאַרזוכן אויסצובּרייטערן דעם פּאַראייניקטן פראָנט דורך אַוועקשטעלן אין הינטער־גרונט די אויפגאַבּע צו לערנען די מאַסן וועגן דער פּאַרטיי איז אַ פּאַטאַלער אָפּאָרטוניסטישער טעות — אַ טעות, וואָס שטעלט ניט נאָר אַוועק אונזער פּאַרטיי אין הינטער־גרונט און בּאַהאַלט זי פון די מאַסן, נאָר וואָס וואַרפט דורך און פּאַרניכטעט אונזערע אָנשטרענגונגען אויסצובּרייטערן און בּויען דעם פּאַראייניקטן פראָנט פון קאַמף פאַר וויכטיקע און בּאַלדיקע אישום.

איך דענק, אַז אין דער לעצטער וואַשינגטאָנער קאָנווענשאָן פאַר אַרבּעטלאָזיקייט־פּאַרזיכערונג, האָבּן מיר געגעבּן אַ בּיישפּיל, ווי אַזוי דאָס אַרויסבּרענגען צום פאָדערגרונט די פּאַרטיי, איר ראָל און איר גאַנצע רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם, ניט נאָר שטעלט ניט אין געפאַר דעם בּרייטסטן פּאַראייניקטן פראָנט, נאָר דינט צו צעמענטירן אים, אויסצוקריסטאַליזירן אים אַלס אַ בּאַוואוסטזיניק־אָרגאַניזירטע בּאַוועגונג, וואָס קאָן ניט צעשמעטערט ווערן דורך אַ לויפיקער געשעעניש פון טאָג.

מיר מוזן מאַכן די גאַנצע פּאַרטיי בּאַוואוסטזיניק וועגן אָט־דער פּראָבּלעם און אָפּן בּאַזים פון די בּעסטע בּיישפּילן פון אונזער פּאַרטיי־אַרבּעט אַריינדרינגען מיט דעמדאָזיגן מעטאָד פון אַרבּעט אין יעדער נאָכבּאַרשאַפט, אין יעדער טרייד־יוניאָן און אין יעדער אַרבּעטער־אָרגאַניזאַציע. מיר מוזן איצט מאַכן אַן אַנטשיידענע אָנשטרענגונג צו ליקווידירן די סעקטאַנטישע טענדענצן, וואָס זיינען נאָך אַלץ שטאַרק אין דער טעגלעכער אַרבּעט פון אונזער פּאַרטיי.

מיר האָבּן זייער אַ סך גערעדט וועגן דעם קאַמף

קעגן סעקטאַנטישקייט. מיר האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן סעקטאַנטישקייט זייער באַוואוסטזיניק, אַף אַן אָרגאַניזירטן אופן, אין משך פון אייניקע יאָרן. אַבער איצט מוזן מיר אַט־דעם קאַמף קעגן סעקטאַנטישקייט און סעקטאַנטישע מעטאָדן און געוואוינהייטן דערהויבן צו אַ נייער שטופע. ס'איז מער ניט בלויז אַ פּשוט'ע פראַגע וועגן פאַרגרעסערן די מאָס רייד קעגן סעקטאַנטישקייט.

איצט איז עס אַ פראַגע וועגן אַריינציען די גאַנצע פּאַרטיי אין אַקטיווער מאַסן־אַרבעט און ליקווידירן דורך פּראַקטישער דערפאַרונג יעדע אַלטע געוואוינהייט און יעדע אַלטע אידיע, וועלכע זיינען אַ הינדערניש צווישן אונז און די מאַסן. דאָס מיינט, פאַרשטענדלעך, אַריינציען די גאַנצע פּאַרטיי אין דער אַרבעט אַקטיוו דורכצופירן די דאָזיקע טרייד־יוניאָן אויפגאַבן, די אויפגאַבן פון פאַראייניקטן פראָנט; אַריינציען יעדן פּאַרטיי־יוניט, יעדן פּאַרטיי־קאָמיטעט, יעדן פּאַרטיי־מיטגליד, אַז זיי זאָלן טעגלעך שטיין פּנים אל פּנים און לייזן קאָנקרעטע פּראָבלעמען, וואָס אַנטשטייען אַ דאַנק זייער פאַרבינדונג מיט ברייטע מאַסן אַרבעטער — צו ענדערן דאָס גאַנצע לעבן און אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאַרטיי פון אַן אינערלעכער אָריענטאַציע צו אַן אויסערלעכער, אַזוי אַז דאָס גאַנצע פּאַרטיי־לעבן איז באַהערשט דורך די פּראָבלעמען פון די מאַסן אַרום איר און ניט דורך אינערלעכע שוועריקייטן און דיסקוסיעס.

אונזער שטעלונג צו דער עס. פּי.

מיר האָבן אין משך פון לעצטן יאָר געמאַכט אַ גאַנצע ריי ווענדונגען צו דער אויבערשטער פירערשאַפט, ספּעציעל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין דער אַנטוויקלונג פון אונזערע פאַראייניקטע פראָנטטעטיקייטן. מיר וועלן אַזעלכע ווענדונגען דאַרפן מאַכן אויך אין דער צוקונפט. אין דעם איצטיקן מאָמענט

אָבער איז נויטיק צו באַטאָנען דעם פאָלגנדיקן פונקט: דער פאָרשריט, וואָס דער פאַראייניקטער פראָנט קאָן מאַכן דורך די דאָזיקע ווענדונגען פון אויבן הענגט שטענדיק אָפּ פון דעם דערפאָלג פון אונזער ארבעט אונטן, צווישן די מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און פון די יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל.

דער פאַראייניקטער פראָנט פון אונטן — דאָס פאַרבלייבט דער פונדאַמענט פאַר אונזער טעטיקייט אַף דעם דאָזיקן געביט. עס איז אוממעגלעך צו דענקען, אז מיר וואָלטן געקענט אויפבויען די פאַרשידענע אָרגאַניזירטע פאָזן פון די פאַראייניקטן פראָנט טעטיקייטן, ביז אפילו איינשליסן די פירנדיקע שיכטן, וואָס מיר האָבן אריינגעצויגן, ווען ניט דער באָדן אונטן — דער פאַקט, וואָס מיר האָבן געהאַט אוואַקסנדיקן מאַסן דרוק אַף אָט־די פירער, וועלכע באַוועגן זיך ניט אומאָפּהענגיק, נאָר ווערן מיטגעשלעפּט מיט מאַסן־שטראָם פון געדאַנק און טעטיקייט פון זייערע אייגענער מיטגלידערשאַפט, פון דער ארומרינגלענדיקער באַפעלקערונג. דאָס, וואָס ענדערט די מיינונגען פון די פירנדיקע עלעמענטן, זיינען די טעטיקייטן פון די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. אונזערע ארגומענטן קאָנען העלפן ענדערן זייערע מיינונגען, אָבער א סך מער ווירקזאַם ווי אונזערע ארגומענטן איז דער דרוק פון די מאַסן. אונזערע ארגומענטן, די געדולדיקע דערקלערונגען וועגן אונזער שטעלונג צו יעדער פראַגע — דאָס איז פונדאַמענטאַל פאַר געווינען די מאַסן אונטן, אָבער צו געווינען די פירנדיקע קאַדרען און די אויבערשטע פירערשאַפט — פאַר זיי איז פונדאַמענטאַל ניט אונזער ארגומענט, נאָר דער פאַקט, וואָס די מאַסן האָבן אויפגעכאַפּט אונזער ארגומענט און איבן אויס א דרוק אַף זיי. אָט פאַרוואָס מיר וועלן פאַרזעצן בא געהעריקע געלעגנהייטן די ווענדונגען פון אויבן, אָבער ווידעראַמאָל באַטאָנען מיר, אז אין אַלע פאַראייניקטע פראָנט טעטיקייטן איז דאָס פונדאַמענטאַלע די בויאונג פון דעם פאַראייניקטן פראָנט פון אונטן.

מיר מוזן דאָס אונטערשטרייכן אין פאַרבינדונג מיט דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. די סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז צעשפּאָלטן אין פיל גרופּירונגען: דריי באַשטימטע ריכטונגען קאָן מען באַמערקן אין אָט די אַלע גרופּירונגען — אַן אמת'ע אַנטוויקלונג לינקס בא אַ גרויסער צאָל פון דער מיטגלידערשאַפט און נאָכפאָלגערשאַפט פון דער עס. פּי.; אַ פאַרהאַרטעוועטער, אויסגעקריסטאַליזירטער רעכטער פליגל — די אַלטע גוואַרדיע; און דאַן אַ טייל פון דער פירערשאַפט, וואָס פּרואווט שפּילן אַ צענטריסטישע ראָל פון פשרה־מאַכעריי צווישן די צוויי גרונט־טענדענצן און זוכט צו קאָנטראָלירן די לינקע טענדענצן דורך געבן זיי קאָנצעסיעס אין ווערטער און פראַזן, אָבער קאַפּיטולירט אין דער פּראַקטיק פאַר דעם רעכטן פליגל.

מיר מוזן אַנטוויקלען אונזער קאַמף פאַר דעם פאַראייניקטן פראָנט צווישן די סאָציאַליסטן דורך אַ קאָנקרעטער שטעלונג צו די פאַרשידענע ריכטונגען און גרופּירונגען אין זייער פירערשאַפט דורך גוט־אַנטוויקלטע, גוט־קאָנקרעטיזירטע אישום, דורך אַנטוויקלען קאַמפּן, וואָס וועלן מאַכן קלאָר צו די מיטגלידער, אַ דאַנק זייער אייגענער דערפאַרונג, די ראָל פון די דאָזיקע פאַרשידענע ריכטונגען און גרופּירונגען אין זייער פירערשאַפט. דאָס מיינט, אַז מיר מוזן ווענדן אונזער שטאַרקסטן, גרעסטן פייער קעגן דער אַלטער גוואַרדיע — דעם רעכטן פליגל; און אַז מיר מוזן אַנטוויקלען אַ זייער שאַרפע קריטיק בנוגע דער צענטריסטישער טענדענץ דורך באַווייזן די מאַסן מיטגלידער ווי טאָמאַס און די גאַנצע צענטריסטישע גרופּע פירן דורך אין דער פּראַקטיק, אין אַ מאַסקירטער פאָרמע, די גרונט־פּאָליטיק פון דער אַלטער גוואַרדיע. און צו די לינקע, צו דער מיטגלידערשאַפט און אַ גרויסער צאָל פון זייערע פירנדיקע אַקטיוויסטן, וואָס באַוועגן זיך באמת לינקס, מוזן מיר אַנטוויקלען די סאַמע חבר'שע באַציאונג — ניט מאַכן אָף איין מינוט שלום מיט די רעשטלעך אַפּאָרטוניסטישע אילוזיעס אָדער

צעטומלעניש, וואָס זיי פּאַרמאָגן נאָך, נאָר אַף אַ געדולדיקן און מיזאַמען אופן אָנפירן צווישן זיי אַן אויפקלערונגס־אַרבעט, איבערציייגן זיי אין דעם רעפאָרמיסטישן כאַראַקטער פון אפילו זייער „רעוואָלושאָנערי פּאָליסי קאָמיטע“, שוין אָפּגערעדט וועגן דער אָפּיציעלער פּרינציפּן־דערקלערונג. אונזער גרונט־צוגאַנג צו דער גאַנצער רענק און פּייל, צו אָט־דער רעוואָלוציאָנערער גרופּע, אָדער לינקער גרופּע, איינגעשלאָסן זייערע אַקטיוויסטן, דאַרף זיין באַזירט אַף דער שאַפונג פון אַן אַטמאָספערע פון דערוואַרטונג זיי אַריבערצוגעווינען, אַריינצוציען זיי אין דעם פּאַראייניקטן קאַמף און מיט דער צייט זיי געווינען פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין דעם גאַנג פון אָט־דער טעטיקייט וועלן מיר דורך דער דערפאַרונג פון די לינקע גרופּן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פירן אַף אַ נאַטירליכן אופן צו דער דיפערענצירונג צווישן זייערע פירנדיקע עלעמענטן, צווישן די וועלכע זיינען באמת לינק, אין דעם זין וואָס זיי ווילן גיין מיט די מאַסן אין דער איצטיקער ריכטונג, און די, וועלכע זיינען „לינק“ כדי ניט צו דערלאָזן ווייטער אַנטוויקלען די דאָזיקע באַוועגונג, נאָר זי פאַרפירן אָן אַ זייט, אָפּשטעלן זי און איינהאַלטן זי אין די אַלטע גרענעצן, כדי זי צו צוריקברענגען אונטער דעם קאָנטראָל פון דער אַלטער פירערשאַפט.

די פראַגע וועגן אַ לייבאָר־פּאַרטיי

אונזער רעזאָלוציע ווייזט אָן, אַז די פּאָליטישע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן די מאַסן אין יאָר 1934, פאָדערן אַז מיר זאָלן פונדאַסניי באַטראַכטן אונזער גאַנצע באַציאונג צו דער פראַגע פון אַ לייבאָר־פּאַרטיי. איין שטריך פון אונזער צוגאַנג צו דער דאָזיקער פראַגע איז געבליבן אומגעענדערט דורך דעם גאַנצן פּעריאָד זינט 1928. דעם ריכטיקן פונדאַמענטאַלן צוגאַנג צו דער דאָזיקער פראַגע, וואָס

דער זעקסטער וועלט־קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל האָט פאָרמולירט אין 1928, האָבן מיר קיינמאָל ניט געענדערט. אין יענער צייט זיינען מיר געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט אַ לאַגע, אין וועלכער עס איז פּאַקטיש ניט געווען קיין שום מאַסן־באַוועגונג פאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי. מיר האָבן געדאַרפט באַשליסן, ווי מיר זאָלן זיך איבעראָריענטירן צו דער דאָזיקער פראַגע ווען עס איז ניט געווען קיין באַוועגונג פאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי.

די פראַגע איז ברייט דיסקוטירט געוואָרן אין קאָ־מיטעס פון דעם זעקסטן וועלט־קאָנגרעס און פאָלגלעך איז דער באַשלוס, וואָס איז אַריינגעשריבן געוואָרן אין טעזיס, פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון חבר סטאַלין. איך וועל אייך איבערלייענען — ס׳איז קורץ, בלויז עטלעכע שורות, — נאָר דאָס שטייט ווי אַ גרינטלעך־ריכטיקער צוגאַנג פאַר דעם דאָזיקן גאַנצן פּעריאָד, ווען מיר האָבן זיך געשטעלט קעגן פּראַקטישע פאָרשלאָגן פאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי, פּונקט ווי איצט ווען מיר באַשליסן ווי־דער אויפצולעבן די פראַגע.

„אויף דער פראַגע פון דער אָרגאַניזירונג פון אַ לייבאָר־פּאַרטיי, באַשליסט דער קאָנגרעס, אַז די פּאַרטיי קאָנצענטרירט איר אויפמערקזאַמקייט אויף דער אַרבעט אין די טרייד־יוניאָנס, אויף דער אָר־גאַניזירונג פון די אומאָרגאַניזירטע און אַזוי ווייטער, און אַזוי אַרום לייגט זי אַוועק דעם פונדאַ־מענט פאַר אַ פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג פון דעם לאָזונג פון אַ ברייטער לייבאָר־פּאַרטיי, אָרגאַניזירט פון אונטן.״

אין 1929, אַ יאָר נאָכן 6טן וועלט־קאָנגרעס, דיסקו־טירנדיק וואָס דער באַשלוס מיינט קאָנקרעט אין אונזער פּראַקטישער אַרבעט אין אַמעריקע, זיינען מיר געקומען צום שלוס, אַז די דאָזיקע ריכטיקע אָריענטאַציע פאָ־דערט מיר זאָלן אַרויסקומען קעגן אַלע לויפנדיקע פאָר־שלאָגן, וואָס מען האָט דאַן געמאַכט פאַר דער אָר־גאַניזירנג פון אַ לייבאָר־פּאַרטיי. מיר האָבן דערקלערט,

אז וועלכער ניט איז שריט אין דער ריכטונג פון אָר־גאַניזירן אַ לייבאָר־פּאַרטיי אין יענע באַדינגונגען וועט בלויז פירן צו דער אָרגאַניזירונג פון אַ נייער נאָכ־שלעפּעניש צו די אַלטע פּאַרטייען. די איינציקע, וואָס וואָלטן פּאַקטיש געווען פאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי, וואָלטן וועגען די קאָמוניסטן, די ענגע באַוועגונג פון דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי און איניקע צעוואָרפענע ביוראָ־קראַטן. ס'איז אמת, אז דער פּראָצעס פון ראַדיקאַלי־זאַציע פון די מאַסן אונטער די קלעפּ פון קריזיס האָט זיך שוין דאַן אָנגעהויבן מערקן, אָבער די דאָזיקע ראַדיקאַליזאַציע פון די מאַסן האָט ניט אָנגענומען אַזעלכע פאָרמען, וואָס זאָל געבן אַ צוזאָג, אַז עס זאָל פון דעם אַרויסוואַקסן אַ באַלדיקע מאַסן - לייבאָר־פּאַרטיי. דער בעסטער באַווייז, אז אונזער אָפּשאַצונג איז געווען אַ ריכטיקע אין יענער צייט, איז דער פאַקט, וואָס אין די פינף יאָר, וואָס זיינען דורכגעלאָפן, איז קיינער ניט געווען בכוח צו טאָן עטוואָס פּראַקטיש מיט דער אידייע פון אַ לייבאָר־פּאַרטיי.

די לאַגע ענדערט זיך

עס איז קלאָר איצט, ווען מיר קוקן צוריק אויף די דאָזיקע יאָרן, אַז אויב מיר וואָלטן זיך געשפּילט אַרום דעם לאָזונג פון אַ לייבאָר־פּאַרטיי ווען ס'איז ניט געווען קיין מאַסן־באַוועגונג, וואָלט עס אונז ניט געפירט קיין איין שריט פאָראויס. מיר וואָלטן ניט געהאַט אַנטוויקלט קיין לייבאָר־פּאַרטיי און מיר וואָלטן צוגע־נומען די אויפמערקזאַמקייט פון די גרונט־אויפגאַבן פון דער באַוועגונג, וואָס איז געווען דירעקט פאַרבונדן מיט דעם וואָס האָט זיך געטאָן צווישן די מאַסן. די פּראַגע, אויף וועלכער מיר דאַרפן געבן אַן ענטפער איצט, איז צי אין 1934 ענדערט זיך די דאָזיקע לאַגע אויף אַזוי פיל, אַז עס זאָל פאָדערן פון אונז מיר זאָלן ענ־דערן אונזער פּראַקטישע באַציאונג צו דער דאָזיקער פּראַגע. ווען מיר קוקן איבער די סיטואַציע פון פאַר־גאַנגענעם יאָר, זאָגן מיר דעפיניטיוו: יאָ, די לאַגע

ענדערט זיך. עס האָט זיך האיאָר אָנגעהויבן אויסטיילן א קלאָרער אָנהויב פון פאַנאַנדערפאַל פון די אַלטע פארטייען. די קלאָרע מעגלעכקייט דערשיינט איצט, אז נייע מאַסן־פאַרטיי זאָל זיך ארויסרוקן פאַראויס פון דעם דאָזיקן פאַנאַנדערפאַל פון די אַלטע פאַרטייען, פון די דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע פאַרטייען. דאָס איז עטוואָס ניי אין דעם פּאָליטישן לעבן פון אונ־זער פּארטיי, וואָס מיר האָבן ניט געזען זינט די יאָרן 1923־1924, ווען אין דעם פעריאָד פון נאָך־מלחמה'־דיקן קריזיס, האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען א באַ־וועגונג צו פארלאָזן די אַלטע פאַרטייען און האָט זיך שפּעטער אויסגעגאָסן אין דער לאַפאָלעט־באַוועגונג.

עס ווענדט זיך וואָס פאַר אַ לייבאָר־פאַרטיי

וואָס קאָנען מיר, אונטער די היינטיגע באַדינגונגען, זאָגן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער און פאָרם אַזא מאַסן־אַנטלויף פון די אַלטע פאַרטייען וועט אָננעמען? וואָס פאַר אַ וואַריאַציעס פון אַ נייער מאַסן־פאַרטיי זיינען איצט מעגלעך? ס'איז קלאָר, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך מעגלעכע פאָרמען, אין וועלכע אָט־די באַוועגונג קאָן זיך אויסגיסן. אין אונזער רעזאָלוציע ווייזן מיר אָן אויף די פיר מעגלעכע וואַריאַציעס, די פיר מעגלעכע טיפּן, אין וועלכע די באַוועגונג קאָן זיך אַנט־וויקלען.

ערשטנס, קאָן די נייע מאַסן־פאַרטיי אָננעמען די פאָרם פון אַ פּאָלקיסטישער, פּראָגרעסיווער פאַרטיי פון דעם טיפּ פון דער לאַפאָלעט־פאַרטיי אין וויסקאָנסין, פון דער סינקלער־באַוועגונג אין קאַליפאָרניע, אָלסאָן־באַוועגונג אין מינעסאָטאַ, און לאָנג־באַוועגונג אין לואיזיאַנאַ.

צווייטנס, קאָן די נייע פאַרטיי אין איר צוזאַמענ־שטעל און כאַראַקטער זיין ענלעך צום ערשטן טיפּ, און דאָך זאָל זי זיך אַ נאָמען געבן פאַרמער־לייבאָר־פאַרטיי, אָדער אפילו לייבאָר־פאַרטיי. דער אונטער־שייד וואָלט דאָ געווען בלויז אין נאָמען און אין דער

מדרגה פון דעמאגאגיע, וואס וואלט געקומען אלס רעזולטאט פון דעם נאמען.

די דריטע מעגלעכע וואריאציע איז א מער קאנקרעטע לייבאר־פארטיי מיט איר הויפט־באזע אין די טרייד־יוניאנס, מיט א פראגראם פאר באלדיקע פאדערונגען, מעגלעך מיט א נעבלהאפטער דעמאגאגיע וועגן דער קאאפעראטיווער געמיינשאפט („קאאפעריי־טיוו קאמאנוועלט״), וואס אפילו גאווערנאר אלסאן פירט אן אין מינעסאטא, אבער דאמינירט פון א טייל פון דער טרייד־יוניאן ביוראקראטיע, ארגאניזירט פון אויבן, מיט דער הילף פון דער סאציאליסטישער פארטיי, און אויסשליסנדיק די קאמוניסטישע און מיליטאנטע עלעמענטן.

די פערטע מעגלעכקייט איז, אז דער מאסן־אנטלויף פון די קאפיטאליסטישע פארטייען זאל זיך קריסטאליזירן אין דער פארם פון א לייבאר־פארטיי געבויט פון אונטן, ווי די רעזאלוציע פון דעם זעקסטן וועלט־קאנגרעס האט אנגעוויזן. אזא פארטיי וועט האבן איר הויפט־באזע אין די טרייד־יוניאנס, איינשליסנדיק אלע מאסן־ארגאניזאציעס פון די ארבעטער, אבער זי וועט זיין אין קאנפליקט מיט דער ביוראקראטיע, אדער מיטן גרעסטן טייל פון דער ביוראקראטיע, און זי וועט ארויסשטעלן א פראגראם, וואס איז ענג פארבונדן מיט די מאסן־קאמפן, סטרייקס, ארבעטלאזיקייט א. אז. וו., און די פירנדיקע ראל אין אזא פארטיי וועלן שפילן די מיליטאנטע עלעמענטן, איינגעשלאסן די קאמוניסטן.

געוויס טאר מען אט די מעגלעכע פיר טיפן, וואס מיר האבן אויבן אויסגערעכנט, ניט פארשטיין אלס שטייפע, פיקסירטע זאכן. זיי קאנען זיך אנטוויקלען אין אלערליי מעגלעכע וואריאציעס, אפילו מיט פאראלעלע אנטוויקלונגען פון פארשיידענע טיפן, און אף פארשידענע שטופן קאן די באוועגונג איבערגיין פון איין טיפ צו א צווייטן. אבער מיר גיבן די פיר טיפן אלס מעגלעכע וואריאציעס, כדי צו אילוסטרירן די פארשידענע באציאונגען פון כחות אין דעם קאמף

צווישן די רעוואָלוציאָנערע טענדענצן און די רעפאָרמיסטישע, און ווי זיי וועלן זיך אונטער געגעבענע באַדינגונגען אויספאָרמירן אין פאַרשידענע טיפּן פון פאַרטייען, מיט אַ פאַרשידענעם טיפּ פון פירערשאַפט און פון פּראָגראַם. צו יעדן באַזונדערן טיפּ וועט אונזער שטעלונג, פאַרשטייט זיך, ניט זיין איינע און די זעלבע. מיר קאָנען ניט נעמען די זעלבע שטעלונג צו אַלע פאַרשיידענע פאָרמען, וואָס דער מאַסן־אַנטלויף פון די קאַפּיטאַליסטישע פאַרטייען וועט אָננעמען. אונזער שטעלונג וועט זיך מוזן ענדערן לויט דער פאָרם, וואָס די באַוועגונג וועט אָננעמען. ספּעציעל איצט, אין דעם סאַמע אָנהויב פון דער אַנטוויקלונג, מוזן מיר נעמען אַזאַ שטעלונג, וואָס זאָל העלפן באַשטימען אין פאָראויס די פאָרם, וואָס די באַוועגונג וועט אָננעמען, כדי מיר זאָלן קאָנען ווערן אַן אַקטיווער פאַקטאָר אין באַשטימען וואָס דער רעזולטאַט זאָל זיין.

קלאָר איז, אַז מיר קאָנען ניט זיין פּאַסיוו צו דעם מאַסן־אַנטלויף פון די אַלטע פאַרטייען. מיר מוזן נעמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דעם. מיר מוזן ענדערן אונזער נעגאַטיווע שטעלונג צו דער פראַגע פון אַ לייבאָר־פּאַרטיי, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס ס'איז ניט געווען קיין מאַסן־באַוועגונג, וואָס זאָל מאַכן די לייבאָר־פּאַרטיי פאַר אַ פּראַקטישער פּראָבלעם. איצט איז פאַראַן אַ מאַסן־באַוועגונג און ס'איז אַ פראַגע פון דער באַטייליקונג פון אונזער פּאַרטיי צווישן אַט־די מאַסן און פון באַאיינפלוסן זייער אַנטוויקלונג.

אין אונזער רעזאָלוציע זאָגן מיר, אַז די פּאַרטיי מוז דערקלערן, אַז זי שטיצט די באַוועגונג פאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי, און מיר מוזן ווירקן און קעמפן איינעוויניק, אין דעם אַלגעמיינעם מאַסן־אַנטלויף פון די אַלטע פּאַרטייען, כדי צו באַשטימען, אַז די פּאַרטיי־פאָרם און כאַראַקטער פון דער באַוועגונג זאָל גיין אין דער ריכטונג פון דער פערטער מעגלעכער וואַריאַציע, וואָס מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, און ניט צו די אַנ־

דערע טיפן ; אז עס זאָל זיין א פּארטיי אָרגאניזירט פון אונטן, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען אזוי שטארק ווי מעגלעך די מאסןקאמפן און ארויסברענגען די מיליטאנטע עלעמענטן אלס אַן אָרגאנישן טייל פון דער פירערשאפט פון אזא פּארטיי.

אונזער רעזאָלוציע ווייזט זייער שארף אָן, אז אין אט דער אלגעמיינער באוועגונג מוזן מיר אָנפירן א סיסטעמאטישן קאמף קעגן אלע פּארזוכן צו פירן זי אין דער ריכטונג פון דער פּראגרעסיווער פּארטיי אָדער פון אַן ענלעכער פּארטיי, וואָס זאָל זיך בלויז מאסקירן אלס א פּארמער־לייבאָר אָדער לייבאָר־פּארטיי.

מאַסן וועלן איבערנאַכט ניט קומען צום קאָמוניזם

כדי דאָס צו דערגרייכן, כדי בכלל צו קאָנען באאיינפלוסן די באוועגונג, מוזן מיר זיין אין איר און האָבן פּאָזיטיווע פּאָרשלאָגן צו מאכן. מיר קאָנען זיך אין דער באוועגונג ניט באטייליקן עפעקטיוו, אויב מיר זאָלן שטיין פון א זייט, בלויז ווי ניט־אקטיווע קריטיקער אירע. מיר קאָנען אויך ניט דערוואַרטן, אז אין א גרויסן מאסן־אנטלויף פון די אלטע פּארטייען, ווען מיליאָנען וועלן איבעררייסן זייערע אלטע פּאָליטישע פּארבינדונגען, אז זיי זאָלן איבערנאכט קומען דירעקט צו דער קאָמוניסטישער פּארטיי. אין אונזער גאנצער פּאָליטישער דערפארונג איז ניטאָ קיין ביישפּיל, וואָס זאָל אונז מאכן צו דערוואַרטן, אז מיר, דערווייל נאָך א קליינע פּארטיי, זאָלן קאָנען איבערנאכט ברענגען די מאסן צום קאָמוניזם.

מיר ווייסן, אז איידער די מאסן וועלן קומען צו אונז וועלן זיי פריער מוזן דורכגיין א פּראָצעס פון קאמף און אויפקלערונג דורך זייערע אייגענע דערפארונגען. מיר ווייסן, אז אָט דער פּראָצעס וועט זיין א סך שנעלער און פולשטענדיקער, אויב די מאסן וועלן אף אלע שטופּן פון זייער אנטוויקלונג זען די קאָמוניסטן קעמפנדיק זייט בא זייט מיט זיי, ארבעטנדיק צוזאמען מיט זיי אין דער אנטוויקלונג פון די

ברייטסטע פאזן פון זייערע מאסן־קאמפן.

דאָס האָט דרינגלעך געמאכט אונזער באשלוס, אַז ס'איז נויטיק זיך צו דערקלערן פּאָזיטיוו צו אונטערשטיצן און זיך באטייליקן אין אַ לייבאָר־פּארטיי פון דעם פערטן טיפּ, ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן.

די צענטראלע אויפגאבע, וואָס שטייט פאר אונז אין פארבינדונג מיט אונזער באטייליקן זיך אין דער דאָזיקער ברייטער מאסן־באוועגונג איז, פארשטענדלעך, צו פירן צו אַ קלאָרער דיפערענצירונג אַף צוויי אויסגעשפּראָכענע לאגערן: די וואָס ווילן אַנטוויקלען די דאָזיקע מאסן־באוועגונג אַפן וועג פון מעסיקע, ליבעראלע, סאָציאל־רעפאָרמיסטישע אויפגאבן, און די וואָס ווילן אַנטוויקלען דעם קאמף פון די מאסן פאר זייערע באלדיקע אינטערעסן, ניט נעמענדיק אין אַכט און אין דירעקטער אָפּאָזיציע צו די אינטערעסן פון פריוואט־אייגנטום און פּראָפיטן.

אין דעם קאמף פאר דער דיפערענצירונג אינערהאלב דער דאָזיקער באוועגונג וועלן מיר באגעגענען צוויי געפארן, וואָס מיר מוזן אויסמיידן. צוויי מעגלעכע אָפּנויגן אַף אונזער זייט. פון איין זייט וועלן מיר האָבן די געפאר פון סעקטאנטישער שמאָלקייט, וואָס וואלט בלויז שפּילן אין די הענט פון די רעפאָרמיסטן, דאָס מיינט, קודם כל, אַז די באזע פאר צוזאמענקלייבן די אַרבעטער אין אַזאַ לויזער פארטיי מוז זיין די באלדיקע פאָדערונגען און דער ברייטסטער מאסן־אַפּיל. מיר טאָרן ניט דערלויבן די רעפאָרמיסטישע פירער צו צעשפּאלטן די מאסן מיט ספּעקולאציעס וועגן די מיינונגס־פארשיידנהייטן צווישן די מאסן, צווישן די וואָס נעמען אָן דעם קלאסן־קאמף ביז און איינגעשלאָסן די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט — דער רעוואָלוציאָנערער טייל, די וואָס פאָלגן נאָך די קאָמוניסטישע פארטיי און, פון דער אַנדער זייט, יענער גרויסער טייל פון די מאסן, וואָס נעמט אָן דעם קלאסן־קאמף פאר באלדיקע אישוס, אָבער איז נאָך ניט גרייט צו גיין דעם גאנצן וועג, ביז דער דיקטאטור פון דעם פּראָלע־

טאריאט.

די סעקטאנטישע געפאר, די געפאר צו באגרענעצן די דאָזיקע באוועגונג בלויז צו די רעוואָלוציאָנערן און זייערע סימפּאַטיזירער, מוז אויסגעמיטן ווערן אום יעדן פּרייז. אין דער זעלביקער צייט וועט די אָפענע רעכטע געפאר זיין די גרעסטע געפאר, אויב מיר דערגרייכן די שטופּע פון אויסקריסטאַליזירן אַף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב די מאַסן־לייבאָר־פּאַרטיי — די געפאר פון אָפּאָרטוניסטישער קאַפּיטולאַציע, פון אונטערגעבן זיך אונטער די רעפאָרמיסטישע טענדענצן, פּראַקטיק און געוואוינהייטן, וואָס וועלן זיין אַ שטאַרקער פאַקטאָר אינדערהאַלב אַזאַ מאַסן־לייבאָר־פּאַרטיי.

עס איז קלאָר, ווי אונזער רעזאָלוציע ווייזט אָן, אַז אין דער דאָזיקער סיטואַציע איז דער פּשוט'ער לאָזונג, פּאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי, אונטער וועלכן מיר האָבן אַפּעּרירט מיט יאָרן צוריק, ניט גענוג, אַז אַט־דער לאָזונג וואָלט אויסדריקן אַזעלכע קעגנזעצלעכע טענדענצן, וואָס מאַכט אוממעגלעך אַז ער זאָל זיין די פאָן פאַר אונזער קאַמף.

יאָ, מיר זיינען פאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי, אָבער מיר זיינען פאַר אַ באַשטימטן מין לייבאָר־פּאַרטיי. מיר זיינען פאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי פון דעם כאַראַקטער, וואָס מיר ווייזן אָן אין דער רעזאָלוציע אונטער פּונקט (ד) פאַר דעם פערטן מעגלעכן טיפּ פון אַ לייבאָר־פּאַרטיי. מיר זיינען קעגן דער באַוועגונג, וואָס ווערט אָרגאַניזירט אונטער דער פירערשאַפט פון די לאַפאָלעטס, מיט דער פּראָגראַם פון דער פּראָגרעסיווער פאַרטיי. מיר זיינען קעגן אַלע פאַרשיידנאַרטיקע קאָמפּראָמיסן צווישן דער אידייע פון אַ מאַסן־לייבאָר־פּאַרטיי און אַזאַ פּראָגרע־סיוו־בורזשואַזער פאַרטיי. מיר קאָמוניסטן טרעטן אריין אין דער באַוועגונג פאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי בלויז פאַר דעם צוועק צו העלפן די מאַסן זיך אָפּצורייסן פון דעם בורזשואַזן לאַגער, זיך אָפּצורייסן פון די סאָציאַל־רעפאָרמיסטן און געווינען דעם וועג צום רעוואָלוציאָ־נערן קלאַסן־קאַמף.

מען מוז אויסמיידן פריצייטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע שריט

דאָס מיינט אויך, אַז אַלע פריצייטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע שריט מוזן פּאָרזיכטיק אויסגעמיטן ווערן. אַף דער איצטיקער שטופּע פון דער באַוועגונג זיינען דאָס ספּעציעל אונזערע שונאים וואָס וועלן ענערגיש דריקן פאַר דער שנעלער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויסקריסטאַליזירונג פון דער נייער פּאַרטיי, איידער די מאַסן האָבן אויסגעפונען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און ווען זיי וועלן אַ דאַנק געוואוינהייט אוועקשטעלן זייערע אַלטע פירער אין פּאָזיציעס פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און מאַכט.

פון דער אַנדער זייט מוזן מיר פאַרשנעלערן די פּאָליטישע דיפערענצירונג אינערהאַלב דער דאָזיקער באַוועגונג, אַזוי אַז ווען מיר קומען צו דער שטופּע פון אָרגאַניזאַציע וועלן די מאַסן שוין האָבן אַ באַזיס פאַר אַ פּאָליטישן אויסוואַל צווישן קלאַסן־צוזאַמענאַרבעט און קלאַסן־קאַמף. מיר מוזן שוין האָבן אַ ברייטע סעקציע פון דער דאָזיקער באַוועגונג אויסגעקריסטאַליזירט אַרום אישום פון קלאַסנקאַמף, אַזוי אַז אַ קלאַסנ־קעמפּעריש פירערשאַפט וועט זיין אַנטוויקלט בא דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויסקריסטאַליזירונג פון אַזאַ פּאַרטיי. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דאַרף דעריבער ניט נעמען איצט די איניציאַטיווע פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אַ לייבאָר־פּאַרטיי אַף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אין די פאַרשיידענע שטאַטן אָבער וועט די לאַגע זיין פאַרשיידנאַרטיק, לויט די פאַרשידענע שטופעס אין דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג. עס וועט זיין נויטיק צו שטודירן די סיטואַציע אין יעדן פּלאַץ, שטו־דירן די כחות־פאַרהעלטענישן, דעם טעמפּ פון אַנט־וויקלונג און געבן אַ קאָנקרעטן ענטפער אין יעדן שטאַט און אַפילו אין יעדער שטאָט. זייער אָפט וועלן מיר געפונען, אַז די באַוועגונג אין געוויסע שטעט וועט זיין אַ סך מערער אַנטוויקלט ווי אין דעם שטאַט אַלס אַ

גאַנצן. אין די שטאַטן און שטעט, וואו די באַדינגונגען זיינען געוואָרן רייף פאַר דער פאַרמירונג פון אַ מאַסן־ליבאָר־פּאַרטיי מוז מען זיין גרייט אַליין צו נעמען די איניציאַטיווע, די אָרגאַניזאַציאָנעלע שריט אָדער דירעקט, אָדער דורך מענטשן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען נאָענט צו אונז.

אין דער צייט, וואָס מיר וואָרענען קעגן פריצייטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע שריט, מוזן מיר אין דער זעלביקער צייט באַטאָנען, אַז דאָס מיינט ניט לאַנגזאַמקייט פון איניציאַטיווע אָדער מאַנגל אין איניציאַטיווע. די אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער באַוועגונג מיינט ניט, אַז די ערשטע שריט, דאַרפן אומבאַדינגט זיין אָרגאַניזאַציאָנעלע מיטלען. מיר האָבן באַלד גענומען די פּאָליטישע איניציאַטיווע אין פאַרבינדונג מיט אָט־דער פראַגע, דירעקט פון דער פּאָליטישער ביוראָ, מיט דער רעדע וואָס איך האָב געהאַלטן אָפן באַשלוס פון דער פּאָליטישער ביוראָ באַם קאָנגרעס פאַר אַרבעטלאָזיקייט־פאַרזיכערונג. אין דעם זינען דאַרפן מיר אַרויסווייזן די גרעסטע איניציאַטיווע. בלויז ווען די מאַסן זעען די קאָמוניסטן אַלס די פּאָליטישע איניציאַטאָרן פון די שריט, וואָס זיי אַליין וועלן באַשליסן, אַז זיי זיינען נויטיק פאַר זייערע אייגענע לעבנס־אינטערעסן, בלויז דעמאָלט וועלן מיר אָנהויבן זיי אַריבערגעווינען פאַר אונזער גאַנצער פּראָגראַם.

מען האָט אויפגעהויבן די פראַגע, צו די ענדערונגען אין אונזער פּאָליטיק, וואָס מיר שלאָגן פאָר, פאָדערן ניט פון אונז אַז מיר זאָלן זעלבסט־קריטיש דערקלערן, אַז אונזער פריערדיקער שטאַנדפּונקט בנוגע אַ ליבאָר־פּאַרטיי איז געווען אַ טעות. שרייען דאָך שוין די לאָווסטאָניסטן, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז ענדלעך אַריבער אויף זייער שטאַנדפּונקט, נאָר וואָס דען — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועט קיינמאָל ניט צוגעבן, אַז זי האָט געמאַכט אַ טעות. זיי זאָגן, אַז עס ווערט איצט געוויס קלאָר, אַז די פּאַרטיי איז געווען אַבסאָלוט אויף אַ פאַלשן וועג אין איר שטעלונג בנוגע צו דער ליבאָר־

פּאַרטיי און אַז איצט זיינען מיר געצוואונגען צו־
צוגעבן דאָס דורך דעם, וואָס מיר ענדערן און קומען־
צו צו זייער שטאַנדפּונקט. אפילו אייניקע פון אונזערע
פּאַרטיי־מיטגלידער האָבן געזאָגט: געווים פרייט אונז
צו הערן וועגן דער נייער פּאָליטיק, מיר זיינען הונ־
דערט פּראָצענט פאַר דעם, אָבער פאַרוואָס זאָגט איר
ניט — מיר אָנערקענען אונזער טעות?

מיר האָבן שוין געגעבן דעם גרונט־ענטפער אף דער
פראַגע, אָבער עס איז נויטיק אַריינצוגיין אין נאָך
איינעם אָדער צוויי ווינקלען פון דער פראַגע. מיר
מוזן ענטפערן די פראַגע פאַר זיך אַליין — ניט בלויז
די רענעגאַטן: איז אונזער פּאָזיציע וועגן דער
לייבאָר־פּאַרטיי פראַגע אין אַלע צייטן און אין
אַלע איינצעלהייטן געווען ריכטיק דורך דער גאַנ־
צער צייט? אינגאַנצן גענומען איז דער ענטפער, וואָס
איך האָב שוין געגעבן, אַ ריכטיקער — אַז אונזער
פּאַרטיי איז געווען גערעכט ווען זי האָט זיך אָפּגעזאָגט
אַרומצושפּילן מיט דעם אַבסטראַקטן לאָזונג, ווען עס
איז ניט געווען קיין פּראַקטישע מאַסן־באַוועגונג צו
פאַרקערפּערן דעם לאָזונג. איך רעכן פונדעסטוועגן,
אַז מיר מוזן ניט אָננעמען די שטעלונג, אַז אַלע איינצל־
הייטן פון יעדער זאַך, וואָס מיר האָבן געזאָגט אין
דער לייבאָר־פּאַרטיי פראַגע דורך דער גאַנצער צייט איז
תורת־לאָקשן, וואָס מוז איצט פאַרטיידיקט ווערן. איך
דענק, אַז אייניקע זאַכן זיינען געשריבן געוואָרן און
געזאָגט געוואָרן, וועלכע זיינען ניט ריכטיק, וואָס
זיינען געווען אַן אָפּנויג און אַ צעקריפּלונג פון דער
ליניע וואָס ס'האָט אָנגענומען דער זעקסטער וועלט־
קאָנגרעס פונם קאָמינטערן; אייניקע זאַכן, וועלכע
זיינען געווען טיילווייז ריכטיק און טיילווייז ניט
ריכטיק. למשל, מיר האָבן געדרוקט דורך דער צייט,
אָן שום קריטיק, אַן אַרטיקל פון הער זאַק, וועלכער
איז איצט אַ לינגערישער, אָפענער טראָצקיסטישער
קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, וועגן דער לייבאָר־פּאַרטיי, וואָס
האָט אַנטהאַלטן אַ גאַנצע ריי גרונט טעות'ן. מיר האָ־

בען אויך אַרויסגערוקט אייניקע אַרגומענטן אין אייניקע פון אונזערע אָפיציעלע דאָקומענטן, וועלכע זיינען ניט געווען ריכטיק. נאָך אַנדערע ניט־ריכטיקע באַהויפּטונגען זיינען געמאַכט געוואָרן, וועלכע זיינען ניט גרינטלעך קריטיקירט געוואָרן פון דער פּאַרטיי. אין פאַרלויף פון דער אַנטוויקלונג אין אונזער שטעלונג בנוגע דער ליבאָר־פּאַרטיי פראַגע זיינען געווען אַזעלכע צופעליקע טעות'ן, וועלכע מיר האָבן ניט קיין גרונט צו באַהאַלטן; מיר האָבן גאָרניט צו געווינען פון באַהאַלטן די טעות'ן וועלכע מיר האָבן געמאַכט און וועלכע פאָדערן פון אונז, אין דער ליכט פון דער געענדערטער סיטואַציע, איבערצוקוקן אונזער פאַרגאַנגענהייט זייער קריטיש. מיר קאָנען באַשטיין צו מאַכן אָט־די אויסבעסערונגען.

אָבער מאַכנדיק אָט־די אויסבעסערונגען, איז די מיינונג פון דער פּאָליטישער ביוראָ, אַז מיר מוזן זיין זייער וואַכזאַם צו באַקעמפן און צו ליקווידירן די טענדענצן וואָס שפּיגלען מיט זיך אָפּ די לאָווסטאָניסטישע שטעלונג. אָט־די וועלכע טראָגן מיט זיך די דאָזיקע טענדענצן וועלן זען אין דעם צוג אַ געלעגנהייט אָנצוכאַפּן זיך אָן דעם אָפּאָרטוניזם פון דער לאָווסטאָניסטישער גרופּע. די לאָווסטאָניסטישע פירער אַליין, פאַרשטייט זיך, האָבן זיך שטאַרק אָנגעהאַלטן אין זייער קורס זינט זייער „פונדאַמענטאַלן" קער, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר רענעגאַטן פון דער פּאַרטיי.

איצט הויבן זיך אויף פאַר אונז אַ גאַנצע ריי פראַגן בנוגע דעם אָנווענדן אָט־די ליניע אין פּראַקטיק. מיר האָבן ניט פּרובירט אויסאַרבעטן אָט־די פראַגן אין דער רעזאָלוציע, וואָס ליגט פאַר אייך. אָבער, זיי וועלן דאַרפן פאַרנעמען דעם סאַמע צענטער פון אונזער דיסקוסיעס. הויפּטזאַכלעך דאַרפן מיר זען, אַז אין יעדן דיסטריקט זאָלן זיך די חברים ניט באַגרענעצן מיט בלויז איינשטימען מיט אָט־דער אָנגעגעבענער ליניע, מיט וועלכער איך דענק אַז כמעט יעדער איינציקער שטימט שוין איין, נאָר זיי זאָלן פון דעם מאָמענט אָן

קאָנצענטרירן זיך אין דער דיסקוסיע איבער די קאָנקרעטע פראַגן בנוגע דעם ווי אַזוי עס קאָן אַט־די ליניע אַמבעסטן אָנגעווענדט ווערן אין יעדן שטאַט און אין יעדן דיסטריקט, כדי מיר זאָלן אַפּן שנעלסטן און אַפּן ווירקזאַמסטן אופן שאַפן אַ מאַסן־באַוועגונג און אַ פּאָליטישע קריסטאַליזירונג אַרום אַט־דער פראַגע פון אַ לייבאָר־פּאַרטיי.

ווייטער וועלן מיר דאַרפן זיך באַקענען מיט אַ ספּעציעלן שטריך אין דער פראַגע וואָס מיר האָבן ניט אַריינגעבראַכט אין דער רעזאָלוציע, און וואָס וועט פאָדערן אַ ספּעציעלע באַטראַכטונג און אַ ספּעציעלן דאָקומענט אַזוי שנעל ווי מיר וועלן זיין זיכער אַז מיר האָבן אַ קלאָרע אַנטוויקלונג־ליניע, און דאָס איז בנוגע אַריינציען די נעגער־מאַסן אין דער מעגלעכער לייבאָר־פּאַרטיי. עס איז קיין שום פראַגע ניט, אַז ווען מיר וועלן ווי געהעריק אַנטוויקלען אונזער אַרבעט אין די נעגערישע מאַסן - אָרגאַניזאַציעס — קלובן, קירכן, לאָדזשעס, — ווען מיר וועלן ווייטער אַנטוויקלען אונזער אַרבעט צווישן די נעגער־מאַסן אַף די ליניעס פון סקאַטסבאָראָ, הערנדאָן, פאַר דעם געזעץ־פּראָיעקט פון נעגער־רעכט, און אויב מיר וועלן דאָס ווי געהעריק צוזאַמענבינדן, וועלן מיר האָבן די געלעגנהייט צו אַנטוויקלען אַ מאַסן־פלוס פון דער נעגערישער באַפעל־קערונג אין דער נייער לייבאָר־פּאַרטיי. אָבער דאָס מוז נאָך ווי געהעריק אויסגעאַרבעט ווערן.

פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע אין דער פּאַרטיי

ענדלעך מוזן מיר ענטפערן אַף דער פראַגע וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן — צי האָט די פּאָליטביוראָ געהאַנדלט ריכטיק מיט איר אַוועקשטעלן די פראַגע וועגן דער לייבאָר־פּאַרטיי פאַר דער פּאַרטיי און פאַרן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. אונזער נאַציאָנאַלער אָפיס האָט באַקומען אַ בריוו פון אַ חבר, אין וועלכן ער שרייבט אַז בעת ער שטימט איין מיט דער פּאָליטיק, האַלט ער אָבער אַז די פּאָליטביוראָ איז צוגעגאַנגען

שלעכט צו דער פראגע; ער האלט, אז איידער עס איז
עפנטלעך ארויסגעטראגן געווארן די ענדערונג אין אונ־
זער פאליסי, האט געדארפט פארקומען א פארטיי־
דיסקוסיע און א פארטיי־אנטשיידונג נאך דער דיס־
קוסיע; אז די גאנצע מיטגלידערשאפט פון דער פארטיי
האט געהאט א רעכט צו זאגן יא אדער ניין איידער די
פאליטביורא האט געהאט דאס רעכט צו מאכן וועגן
דעם אן עפנטלעכע דערקלערונג. אט־דער חבר האט
דאס ניט אויסגעדריקט אין אזויפיל ווערטער, אבער
דאס איז געווען דער עצם פון זיין קריטיק, און אט־די
פראגע פאדערט אן ענטפער.

מיר דענקען, אז די אנטוויקלונגען פון אונזער
טרייד־יוניאן פאליטיק אזוי גוט ווי די פראגע פון א
לייבאר־פארטיי דינט אונז אלס א ביישפיל ווי אזוי
עס פונקציאנירט אן אמת'ה פראלעטארישע דעמא־
קראטיע אין דער פארטיי. איך האב שוין געהאט די
געלעגנהייט ארויסצוברענגען, ווי מיר זיינען, אין פאר־
לויף פון דער אנטוויקלונג פון אונזער טרייד־יוניאן
פאליסי, געווען אזוי פארזיכטיק צו האנדלען ניט ווי
א פירערשאפט וואס איז אפגעשלאסן פון דער באַ־
וועגונג און פון דער מיטגלידערשאפט פון דער פארטיי
און פון די מאסן אין אלגעמיין, נאר מיר האבן אנ־
גענומען יעדן מיטל צו פארזיכערן די סאמע אקטיווסטע
מיטארבעטערשאפט פון די ברייטסטע ארבעטער־קרייזן,
צו איבערצייגן זיי און זיך אליין אין דער ריכטיקייט
פון אונזער קורס, אין דער ליכט פון אונזערע געמיינ־
שאפטלעכע דערפארונגען. דאס איז אמת'ע דעמא־
קראטיע פון דעם ארבעטער־קלאס.

מיר דענקען אויך, אז אונזער קאמוניסטישע פאר־
טיי איז שוין לאנג איבערגעקומען יענע שטופע, ווען
די אינעווייניקסטע פארטיי־דעמאקראטיע האט זיך גע־
פירט, אז בעת ס'האט זיך אויפגעהויבן א נייע פאלי־
טישע פראבלעם, פלעגט עס די פאליטביורא דיסקוטירן,
צעטיילן זיך אין צוויי גרופן, ארויסגעבן צוויי טעזיסן,
און קומען אין דער פארטיי אויסקעמפן די פראגע,

וועלכע גרופע פון דער פּאָליטביוראָ איז גערעכט. דאָס איז געווען דער אַלטער טיפּ פון פּאַרטיי - „דעמאָ־קראַטיע". איך גלויב ניט, אַז אונזער פּאַרטיי נויטיקט זיך אין אַזאַ סאָרט דעמאָקראַטיע. איך האַלט ניט, אַז אונזער פּאַרטיי וואָלט אויפהויבן איר פלאַך אויב זי וואָלט געהאַט אַ צעטיילונג אין דער פּאַרטיי־פירער־שאַפט, און מען וואָלט דערנאָך דאָס געבראַכט צו די יוניטס פאַר אָפּשטימונג.

אונזער מיינונג איז, אַז ספּעציעל זינט דעם אַכטן צוזאַמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי האָבן מיר אוועקגע־שטעלט די פּאַרטיי אויף אַזאַ אופן, אַז די עטאַבלירטע פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי האָט אַן אויטאָריטעט וואָס איז ניט נאָר פאָרמעל, נאָר וואָס איז באַזירט אויף דעם צוטרוי וואָס די פּאַרטיי־מיטגלידער און די אומ־פּאַרטייאישע - סימפּאַטיזירער, וואָס איז באַזירט אויף דערפאַרונג, אַ צוטרוי וואָס איז כסדר באַנייט און פאַר־שטאַרקט געוואָרן דורך דער ווייטערדיקער אָנווענדונג פון דער אויטאָריטעט, דורך די ביישפּילן וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געגעבן אינם לעצטן יאָר. די אויטאָריטעט פון אונזער פּאַרטיי־פירערשאַפט איז ניט עפּעס וואָס איז מעכאַניש און ווילקירלעך; דאָס איז אַן אויטאָריטעט וואָס מיר זיינען כסדר אימשטאַנד צו פאַרגרעסערן, דערפאַר ווייל מיר באַנוצן זיך מיט איר ריכטיק, דערפאַר ווייל מיר האָבן קיינמאָל ניט אָנ־גענומען אַ באַשטימונג, און קיינמאָל ניט געמאַכט קיין טראָט, וואו מיר זאָלן ניט איבערצייגן די פּאַרטיי און די אַרבעטער־מאַסן אַרום איר, אַז דאָס איז אַ רכטיקע באַשטימונג און אַ ריכטיקער טראָט. מיט אַזאַ סיטו־אַציע אין אונזער פּאַרטיי, מיט אַזאַ צווישן־באַציאונג צווישן אונזער פירערשאַפט און פּאַרטיי־מיטגלידער, צווישן אונזער פּאַרטיי אַלס גאַנצע און די אומפּאַרטיי־אישע מאַסן וואָס זיינען אַרום אונז, איז ניט נויטיק צו פאַרלירן קיין צייט כדי דורכצופירן געוויסע פאָר־מעלע פאָרמען פון דעמאָקראַטיע.

איצט וויל איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן אַ דריי קאָנקרעטע פראַגן וואָס וועלן פאַרנעמען אונזער אויפ־מערקזאַמקייט ספּעציעל אין אייניקע פון די לעצטע פאַזן אין אונזער איצטיקער דיסקוסיע. איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן, ווען איך האָב באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דער לייבאָר־פּאַרטיי, וועגן אַ געוויסן נויטיקן קער אין אונזער אַרבעט צווישן די נעגער. איך האַלט, אַז מיר מוזן זייער שטאַרק אַרויסרוקן דעם געדאַנק אין דער גאַנצער פּאַרטיי, אַז כדי צו מאַכן אַן אמת׳ן קער אין אונזער אַרבעט צווישן די נעגער־מאַסן, איז נויטיק אַז מיר זאָלן אָנשטעלן אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף די איצט־עקזיסטירנדיקע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס צווישן די נעגער, ניט־קוקנדיק אויף דעם צי זיי זיינען קירכן, פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, געגנט־קלובן, לאַדזשעס. אומעטום וואו די נעגער־מאַסן זיינען, דאָרטן דאַרף זיין דער צענטער פון אונזער אַרבעט. געוויס האָבן מיר שוין מיט אַ לאַנגער צייט צוריק געזאָגט, אַז דער גרונט־באַגריף וואָס מיר דאַרפן האָבן ווי אַזוי אויפצובויען די ליג פון קאַמף פאַר נעגער־רעכט, איז צום אַלעם ערשטן צו שאַפן אַ פעדעראַציע פון די עקזיסטירנדיקע מאַסן ־ אָרגאַניזאַציעס, אינדיווידועלע מיטגלידער־שאַפט־גרופן און ברענטשעס. אָבער דאָס איז מערסטנס פאַרבליבן אויפן פּאַפּיר. אין דער פּראַקטיק, האָבן מיר ניט געטאָן קיין אַנדער זאַך ווי נאָר אויפגעבויט מיט־גלידערשאַפט־גרופּן, און מיר האָבן זיי אַפילו אָפּגעריסן פון די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס וואו זיי האָבן פריער באַ־לאַנגט. אין דעם זעלביקן זינען, דאַרפן מיר זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן אונזער אַגראַר־אַרבעט, ספּע־ציעל וועגן דער אַרבעט צווישן די פאַרמערס. מיר מוזן אַרבעטן דאָרטן וואו די פאַרמער געפינען זיך, און זייערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. איך רעכן, אַז עס איז ניט נויטיק לאַנג אָפּצושטעלן זיך אויף דעם. אין אַ געוויסן זינען קאָן דאָס אויך אָנגעווענדט ווערן אויף

דער ספּעציעלער אַרבעט צווישן די פֿרויען. עס איז נויטיק אָנצואַווייזן, אַז בעת מיר האָבן געמאַכט אַ געוויסן פּראָגרעס אין דער ספּעציעלער פֿרויען־אַרבעט, איז אָבער די פּאַרטיי אַלס אַ גאַנצע נאָך ניט באַוואוסטזיניק אין דער פּראָבלעם. מיר איז אומבאַקאַנט אַפּילו איין איינציקער דיסטריקט אין דער פּאַרטיי, וואָס זאָל אָפּגעבן גענוג אויפֿמערקזאַמקייט אַף דער אַרבעט צווישן די פֿרויען. אויב איך בין אומגערעכט — אויב עס איז פֿאַראַן אַן אויסנאַם — איז אַפּילו ניט וויכטיק צו רעדן וועגן דעם. געוויינלעך, שענקען ניט די פּאַרטיי־דיסטריקטן קיין אויפֿמערקזאַמקייט צו דער דאָזיקער אַרבעט.

אַביסל אַ גרעסערן קער האָבן מיר געמאַכט אין דעם, אַז די פּאַרטיי זאָל נעמען לייזן די פּראָבלעמען וועגן דער יוגנט. אַף וויפֿיל עס איז אונז געלונגען אַריינצוטראָגן אַן ענדערונג אין דעם לעבן פֿון דער פּאַרטיי, מוזן מיר זי צושרייבן צו דעם אַכטן צוזאַמענפֿאָר, ווען מיר האָבן אָט־די פֿראַגע אַוועקגעשטעלט אַף דער טאָג־אָרדענונג. זינט דעמאָלט האָבן מיר דראַמאַטיזירט אָט־די פֿראַגע דורך איייניקע באַריכטן אַפֿן מיטינג פֿון צענטראַל־קאָמיטעט אין יולי.

אָבער מיר קאָנען נאָך אַלץ ניט זאָגן, אַז אָט־די סיטואַציע איז צופֿרידנשטעלנדיק. מיר קאָנען ניט זאָגן, אַז אונזער יוגנט־באַוועגונג איז אין דער זעלבער איזאָלירטער קלייזלדיקער סיטואַציע ווי זי איז געווען פֿאַר צוויי יאָרן. ניין, די יאָנג קאָמוניסט ליג האָט געמאַכט אַ זייער צוזאַגנדיקן טראָט פֿאָראויס און הערט אויף ביסלעכווייז צו זיין אַ קליינע, קלייזלדיקע, איזאָלירטע סעקטע. אָט־די ליג איז געוואָרן דער צענטער פֿון אַ גרויסער באַוועגונג פֿאַר אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט צווישן דער יוגנט, וואו אונזער יאָנג קאָמוניסט ליג שפּילט אָן שום צווייפֿל די הויפּט פּאָליטישע ראָל. דאָס איז אַ גוואַלדיקער פּראָגרעס. אָבער וויפֿל גרעסער וואָלט אָט־דער פּראָגרעס געווען, אויב די פּאַרטיי וואָלט אין יעדן דיסטריקט אויפֿגענומען ערנסט די פֿראַגע און

וואָלט צוגעהאָלפן מערער די יאָנג קאָמוניסט ליג, מיט פירערשאַפט און הילף.

אין יענע ערטער, וואו די יאָנג קאָמוניסט ליג איז נאָך אַליץ הינטערשטעליק, דאַרף די פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערפאַר אַרויפגעלייגט ווערן אַף די דיסטריקט־קאָמיטעטן פון אונזער פאַרטיי. אָט־די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די דיסטריקטן דאַרף ווערן אונטערגעשטראָכן אַף דעם איצטיקן מיטינג פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

איין וואָרט נאָר וועגן דער אַנטוויקלונג פון אונזערע קאַדרען. אַ געוויסע פאַרבעסערונג אַף דעם געביט אין דעם לעבן פון דער פאַרטיי באַמערקט זיך אין די לעצטע מאָנאַטן. אָבער ביז איצט איז נאָך אַליץ ניט אַוועקגעשטעלט די אַרבעט אַף אַ צופרידנשטעלנדיקן באַזיס אַלס אַן אָרגאַניזירטער טייל פון דער פאַרטיי־אַרבעט. אַ קענטיקע פאַרבעסערונג איז צו באַמערקן אין דער אַנטוויקלונג און אַדמיניסטראַציע פון אונזערע שולן, אין דעם קוריקולום און אין די לערער־שטאַבן, כאָטש אין דעם זינען פון דער לערערשאַפט איז נאָך די סיטואַציע ווייט פון צופרידנשטעליק. עס איז ניטאָ קיין גענוג דירעקטע פירערשאַפט און באַטייליקונג אין דער שול־אַרבעט מצד די מער־פאָליטיש־אַנטוויקלטע חברים. אָבער ניט נאָר די שולעס און די אַנטוויקלונג פון קאַדרע־קאָמיסעס אין די דיסטריקטן זיינען די סאַמע וויכטיקסטע, נאָר מיר מוזן אויך איינשטעלן די פראַקטיק אין אונזער פאַרטיי, אַז יעדער פירנדיקער פאַרטיי־מיטגליד זאָל נעמען אַף זיך די אויפגאַבע פערזענלעך און דירעקט צו דערציען חברים פון די רייען, זאָל זיין זייער פאָליטישער פאָטער, און אַזאַ אופן אַנטוויקלען קאַדרען פון צווישן די מאַסן. יעדער איינציקער פון די אָנפירנדיקע חברים מוז אַמווייניקסטנס צוציען צו זיך צוויי חברים און זאָל נעמען אַף זיך פערזענלעך די אויפזיכט איבער זייער פאָליטישער דערציאונג. איז דאָס אַ צו גרויסע פאָדערונג? עס זיינען

דאָ פּאַראַן הונדערטער אַנדערע מיטלען, אָבער אָן אָט־דעם מיטל וועט יעדע זאַך זיין אַ דורכפאַל.

דאָס מיינט אויך אַ סיסטעמאַטישערע פאַרשפּריי־טונג פון פּאַרטיי־ליטעראַטור, און ספּעציעל פון דער טעאָרעטישער ליטעראַטור. ניט נאָר פאַרשפּרייטן, נאָר סיסטעמאַטישער אויסנוצן די ליטעראַטור. די גאַנצע זאַך איז פאַרבונדן איינס מיט דאָס אַנדערע.

איצט אַ וואָרט אָדער צוויי וועגן „דעילי וואָרקער". מיר האָבן אָנגענומען אַן אַ צאָל באַשלוסן, אַז מיר נעמען זיך ערנסט צו פאַרגרעסערן די צירקולאַציע פונם „דעילי וואָרקער", אָבער מיר פירן זיי ניט דורך. זינט דעם לעצטן פּלענום פונם צענטראַל־קאָמיטעט, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דעם זייער ערנסט, האָט זיך די צירקולאַציע פונם „דעילי וואָרקער" ניט פאַרגרעסערט אויף אַ צופרידנשטעלנדיקן אופן. עס איז קלאָר, אַז לאַנגע דיסקוסיעס וועגן אַזאַ פראַגע זיינען פרוכטלאָז. עס מיינט איינפאַך, אַז די פּאַרטיי, אירע אָנפירנדיקע קאָמיטעטן, אָנפירנדיקע פאַרזאָנען, האָבן אַלץ איגנאָ־רירט די פראַגע ניט־קוקנדיק אויף אַלע אונזערע באַ־שטימונגען. איז דאָס מעגלעך, אַז מיר וואָלטן האָבן די זעלביקע צירקולאַציע אויב אַ באַדייטנדיקער טייל פון אונזערע פירנדיקע כוחות וואָלט געשענקט אויפ־מערקזאַמקייט דער פּראָבלעם פון צירקולאַציע? עס איז מעגלעך, אַז אימיצער וועט אַרויסרוקן דעם אַרגו־מענט, אַז דער אינהאַלט פונם „דעילי וואָרקער" איז ניט צופרידנשטעלנדיק. עס איז אמת, אַז דער אינ־האַלט איז ניט צופרידנשטעלנדיק; מיר מוזן קריטי־קירן און אויסבעסערן אויף אַ זייער אַנטשיידענעם אופן דעם „דעילי וואָרקער", כאָטש מיר האָבן אים שוין אַ היבש ביסל אויסגעבעסערט. אָבער איין זאַך מוזן מיר זאָגן, אַז אָט־די אַלע רייד וועגן דעם אינהאַלט האָט קיין שייכות ניט צו דער פראַגע פון צירקולאַציע. ניט איצט. עס קאָן זיין, אַז מיר וועלן האָבן די פראַגע אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום אויב מיר וועלן אַרויפציען די צירקולאַציע פונם „דעילי וואָרקער" ביז אַ הונדערט

טויזנט. פון דעמאָלט אָן, וועלן מיר קאָנען דיסקוטירן צי די ווייטערדיקע אויסשפּרייטונג פון צירקולאַציע נויטיקט זיך אין אַ ווייטערדיקער אויסבעסערונג אין דעם אינהאַלט. אָבער איצט קאָנען מיר זאָגן, אַז ניט־געמענדיק דעם אינהאַלט אין חשבון, אויסער דעם וואָס עס איז אונזער צייטונג, אַז עס איז אינגאַנצן ניטאָ קיין שום אַנטשולדיקונג פאַר ניט האָבן שוין איצט אַ צירקולאַציע פון הונדערט טויזנט. קיין אַנדער דער־קלערונג איז ניטאָ, נאָר ווי דאָס, אַז מיר האָבן זיך ניט גענומען צו דעם ערנסט.

די פּאָליטביוראָ האָט איינגעשטעלט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל האָבן צו טאָן מיט דער פראַגע, — זי באַשטייט פון מיר אַליין, פון חבר קראַמביין, און חבר ווישניאַק, דער מענעדזשער פונם „דעילי וואָר־קער”. מיר פירן שוין דורך אַ ריי מאַסמיטלען אין ניו יאָרק, וואָס וועט ברענגען אַן ענדערונג צום גוטן אין דער פראַגע פון צירקולאַציע. אָבער מיר ווילן דעם זעלביקן קער אין יעדן פּאַרטיי־דיסטריקט. ווען אָט־די פאָרשלאַגן וועלן דערגרייכן אייער דיסטריקט, ווילן מיר אַז איר זאָלט זיי ניט גלאַט אוועקלייגן אַף דער פּאָליצע, נאָר אויפנעמען זיי מיט דעם זעלביקן ערנסט ווי מיר נעמען דאָס אויף אינם צענטער.

אין דער פראַגע פון רעקרוטירונג. מיר וועלן דאָ האָבן אַ ספּעציעלע אונטערזוכנג, אונטער אַ ספּעציעלן פּונקט פון טאָג־אָרדנונג און אַ זייער אינטערעסאַנטן באַריכט. אונזער רעקרוטירונג גייט אָן, אָבער נאָך אַלץ ניט צופרידנשטעלנדיק. מיר האַלטן ניט גענוג אָן די מיטגלידער וועלכע מיר רעקרוטירן, און אונזער רעק־רוטירונג־פייאיקייט איז ניט גלייך אַנטוויקלט אין אַלע דיסטריקטן. אייניקע דיסטריקטן רעקרוטירן צוויי מאָל אַזויפיל ווי אַנדערע דיסטריקטן. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? מיר מוזן זאָגן, אַז איינער פון די אופנים מיט וועלכע מיר וועלן פאַרשטאַרקן די גאַנצע רעקרוטיר־פייאיקייט פון דער פּאַרטיי, איז טאַקע אָט־דאָס פאַר־גלייכן איין דיסטריקט מיט אַ צווייטן. מיר דאַרפן זיך

קאָנצענטרירן אַף די דיסטריקטן וועלכע ווייזן די נידעריקסטע רעקרוטיר־פּייאיקייטן און אויסגעפינען פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. פאַרוואָס שיקאַגאָ, למשל, רעקרוטירט אין דריי מאָנאַטן אכצן פּראָצענט פון דער אַלטער מיטגלידערשאַפט, בעת אַן אַנדער דיסטריקט אָדער צענטער, וואָס געפינט זיך נעבן שיקאַגאָ, רעקרוטירט אַזוי הויך ווי 32 פּראָצענט. אָט־די פּראָבלעם פון דער רעקרוטיר־פּייאיקייט און אַקטיוויטעט פון אונזער פּאַרטיי, איז דער סאַמע תוך פון דעם פּאַרטייוואוקס און אַנטוויקלונג, און ביז וואַנען מיר וועלן דאָס ניט לייזן, ווי אויך די פראַגע פון פאַרקלענערן די פּאַרטיי־פליסיקייט ביז צו אַ מינימום, וועלן מיר אַלץ ניט האָבן קיין געזונטן באָדן אונטער אונזערע פיס.

צום שלום, דאַרפן מיר נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן דאָס וואָס מיר האָבן געמאַכט אַלס דעם הויפּט־טאָן אַף דעם לעצטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר בנוגע אונזער טענדענץ צו פאַרגעסן אַז אָננעמען באַשטימונגען איז נאָך דער ערשטער טראָט צו לייזן אַ פראַגע. אויב מיר נעמען אָן אַ באַשלוס, דאַרפן מיר אָרגאַניזירן די דורכפירונג פון דעם באַשלוס, קאָנטראָלירן די דורכפירונג; און אויב מיר טוען דאָס ניט, איז שוין בעסער אינגאַנצן ניט אָנצונעמען קיין באַשלוס, דערפאַר ווייל אויב עס ווערט ניט דורכגעפירט אַ באַשלוס, האָט עס אַ דעמאָראַליזירנדיקן עפעקט אַפן לעבן פון דער פּאַרטיי. עס דיסאָרגאַניזירט, אַנטמוטיקט און דעמאָראַליזירט די גאַנצע פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט. מיר זעען כסדר ווי עס ווערן אָנגענומען באַשלוסן און זיי ווערן ניט דורכגעפירט. מיר מוזן עטאַבלירן די סאַמע ערנסטע שטעלונג אין דער גאַנצער פּאַרטיי בנוגע דער פראַגע פון באַשלוסן, — און ניט אַזוי שנעל אָנצונעמען באַשלוסן. עס שווידערט מיר אויף מאַנכעס מאָל ווען איך זיץ אַף קאָמיטע־מיטינגען און זע מיט וואָס פאַר אַ לייטן האַרצן מיר נעמען אָן די סאַמע ווייטגרייכנדיקסטע באַשלוסן. פאַרוואָס נעמען זיי אָן אַזעלכע אויסגעצייכנטע באַשלוסן אַפן פּאַפּיר? דערפאַר ווייל

זיי האָבן ניט קיין שום אבזיכט אף דורכצופירן זיי, דערפאר ווייל זיי זיינען נאָר פאראינטערעסירט אין אויסדריקן זייערע אויסגעצייכנטע אבזיכטן. אָפטמאָל בין איך חושד אייניקע פון אונזערע פּארטיי־קאָמיטעטן, אז כדי צו באווייזן אז זיי שטייען פאר א באַוואָפנטן אויפשטאַנד, נעמען זיי אָן א באשלוס אז מיר דארפן צוגרייטן א באוואָפנטן אויפשטאנד פאר א באשטימטן צוקונפטיקן טאָג. מיר האָבן אזא לייכט־הארציקן צוגאנג צו דער פראגע וועגן באשלוסן צי מען דארף זיי אויספירן, צי ניט. אָט דאָס זיינען רעשטלעך פון א ניט־באָלשעוויסטישער פארגאנגענהייט. דאָס איז דער שונא פון באָלשעוויזם, דער שונא פון באלשעוויזירן אונזער פאַרטיי, און מיר מוזן זיך היטן און אָננעמען א געזעץ קעגן דעם. מיר מוזן פאָדערן, אז יעדער באשלוס זאָל ווערן דורכגעפירט, און אויב ער ווערט ניט דורכגעפירט, מוז אָפּגעגעבן ווערן א פאָרמעלע דערקלערונג פארוואָס, און מיר מוזן רעגיסטרירן אונזער דורכפאל. בלויז ווען מיר גייען־צו צו אונזערע פראָבלעמען מיט אָט־דעם שטרענגען באָלשעוויסטישן סטאנדארד, קאָנען מיר ערנסט דערווארטן אז מיר זאָלן קאָנען טראָגן אומגעהויערע לאסטן און אז מיר זאָלן קאָנען באַגעגענען אלע שוועריקייטן מיט וועלכע מיר וועלן זיך צוזאמענטרעפן. ס'איז אמת, אז מיר ברייטערן זיך אויס, אז מיר וואקסן, און אז מיר ווערן אלץ שטארקער. אָבער דאָס פארפילפאכט נאָך מער אונזערע פראָבלעמען און פאָדערט פון אונז א העכערע מאָס פון אָרגאַניזירונג און פאראנטוואָרטלעכקייט. אויב מיר וועלן ניט פארבעסערן די קוואליטעט פון אונזער פירערשאפט, די קוואליטעט פון אונזער דורכפירונג, און וואָס טיפער מיר וועלן אריינדרינגען צווישן די זיך־באוועגנדיקע מאסן, וועלן מיר געוויס פארלאָרן ווערן צווישן זיי, און צעברעקלט ווערן,—סיידען מיר וועלן קאָנצענטרירן אונזער אויפמערקזאמקייט אף אָט־דעם העכסטן אינסטרומענט, אָן וועלכן די גאנצע באוועגונג קאָן ניט

מאַכן אַ טראָט פאָראויס. דאָס איז אונזער קאָמוניס־טישע פאַרטיי. דאָס בויען די קאָמוניסטישע פאַרטיי מיינט דאָס אויפבויען פון פאַראַנטוואָרטלעכע פירנ־דיקע קאַדרען. די קאָמיטעטן און אָרגאַנען פון אונזער פאַרטיי זאָלן קיינמאָל ניט אָננעמען קיין באַשלוסן, סיידן זיי וועלן זיי דורכפירן אין לעבן. יעדע שורה וואָס מיר שרייבן אַריין אין אונזערע פּראָטאָקאָלן, האָט אַ באַלדיקן אָפּקלאַנג צווישן די מאַסן. מיר קאָנען קאָנטראָלירן און ריכטן די פּאַסירונגען צווישן די מאַסן, קריגן אָט־די מאַסן פאַרן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, פאַר דער טראַנספאָרמירונג פון דער געזעלשאַפט, דערפאַר ווייל מיר זיינען אימשטאַנד צו קאָנטראָלירן און צו פירן אונזער אייגענעם אינעווייניקסטן פּאַרטיי־לעבן און קאָנטראָלירן די דורכפירונג פון אונזערע אייגענע באַשלוסן.

וועגן די באַלדיקע אויפגאַבן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי

(רעזאָלוציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניס־שער פאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אָנגענומען אַף דעם פלענום פון יאַנואַר 15־18, 1935.)

טיפע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען די לעצטע צייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער איבערגאַנג פון דעם קריזיס צו אַ ספּעציעלער מין דעפּרעסיע, וואָס דויערט שוין צוויי יאָר, האָט ניט גע־בראַכט קיין אויסזיכט פאַר אַן אויפשוואונג פון דער ווירטשאַפט פון לאַנד. ניט־שטאַנדהאַפטיקייט און אומ־זיכערקייט וועגן דעם מאָרגן בלייבן אַלץ די הויפּט־שטריכן פון דעם גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן אין אַמע־ריקע. די פּאָליטיק פון דעם „נייעם דיל" און דער „ען־אַר־עי" האָבן אין די באַדינגונגען פון דער דעפּרעסיע געהאָלפן דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם דורכצומאַכן דעם שווערן פּעריאָד פון יאָר 1933. אָבער צו דער זעלביקער צייט האָט די דאָזיקע פּאָליטיק אויך געהאָלפן ביז אַ געוויסן גראַד לויז־לאָזן יענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע טענדענצן פון קאַפּיטאַליזם, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דעם קריזיס און דער דעפּרעסיע און פון דער פאַרשאַרפונג פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם (די פאַרשנעלע־רונג פון קאַפּיטאַל־קאָנצענטראַציע אין די הענט פון די מאָנאָפּאָליסטישע קאָרפּאָראַציעס, וואָס ווענדן אָן נאָך אַ ברוטאַלערע פּאָליטיק געגן די מאַסן, די פאַר־שטאַרקונג פון פאַשיסטישע טענדענצן, א. אז. וו.).

צו דער זעלביקער צייט גייט אָן צווישן די אַר־בעטער אַ שוואונג לינקס־צו און אַן אויפברויז פון אַ מאַסנהאַפטער סטרייק־באַוועגונג — מיט נאָך אַלץ אַ

קנאפער אנטוויקלונג פון דעם קלאסן־באוואוסטזיין און ארגאניזאציע פון די מאסן, — א וואוקס פון די ארבעטער־ארגאניזאציעס, ספעציעל די א. פ. או ל. יוניאנס, א שטארקערער דראנג פון די מאסן צו א פאראייניקטן פראנט און צו א גרויסער קאנסאלידאציע פון זייערע רייען, א וואקסנדיקע שטימונג פאר א מאסנהאפטער לייבאר־פארטיי, מיט דעם גלייכצייטיקן וואוקס אין דער טעטיקייט פון די בורזשואזע און קליינבירגערלעכע עלעמענטן אין דער ריכטונג פון גרינדן א דריטע בורזשואזע פארטיי און דער וואקסנדיקער טעטיקייט פון סאציאל־רעפארמיזם.

דער איינפלוס פון דער קאמוניסטישער פארטיי איז געשטיגן, איר ארבעט האט זיך פארבעסערט, די פארטיי־ארגאניזאציעס זיינען שטארקער געווארן; אבער די פארטיי האט נאך ניט באזייטיקט די ערנסטע חסרונות אין דער טרייד־יוניאן ארבעט, אין באטייליקן זיך אין דער סטרייק־באוועגונג, אין דער ארבעט פון די אונטערשטע פארטיי־ארגאניזאציעס צווישן די ברייטע מאסן ארבעטער און הארעפאשניקעס. דאס אלץ צוזאמען אונטערשטרייכט זייער שטארק די נויטיקייט צו פארשטארקן די פארטיי ארגאניזאציאנעל און פאליטיש אף יעדן מעגלעכן אופן, די נויטיקייט בייצוקומען די שוואכקייטן אין איר ארבעט, צו רעקרוטירן נייע מיטגלידער פאר אירע רייען, בייצוקומען די צו־גרויסע פליסעוודיקייט (אריין און ארויס), פארגרעסערן און פארבעסערן די פארטיי־פרעסע, אנטוויקלען א ברייטע פראפאגאנדע וועגן דער טאקטיק און פראגראם פון דער פארטיי, שטארקן איר זעלבסטשטענדיקע פירנדיקע ראל אין אלע קאמפן פון ארבעטער־קלאס און אלע ארבעטנדיקע עלעמענטן אין אמעריקע. האבנדיק אין אויג אט־די צילן, מוז די פארטיי אונטערזוכן איר ארבעט און פעסטשטעלן אירע אויפגאבן בנוגע דריי וויכטיקסטע פראגן, — די טרייד־יוניאן פראגע, די פראגע וועגן פאראייניקטן פראנט און די פראגע וועגן דער מעגלעכקייט צו גרינדן א מאסנהאפטע לייבאר־פארטיי.

1. די טרייד יוניאָן פראַגע

דער אריינפלוס פון הונדערטער טויזנטער נייע אַרבעטער פון די גרונט אינדוסטריען און פאַבריקן פון מאַסן־פּראָדוקציע אין די א. פ. אָוו. ל. יוניאָנס און די שטייגנדיקע ראַדיקאַליזאַציע פון דער הויפּט־מאַסע מיטגלידער, — דאָס מאַכט די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס מער מיליטאַנטיש און מאַסנהאַפט אין כאַראַקטער און עפנט נייע מעגלעכקייטן פאַר רעוואָלוציאָנערער מאַסן־אַרבעט אינעווייניק אין די יוניאָנס.

1. דעריבער מוז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער פאַרטיי אַפן געביט פון טרייד־יוניאָן אַרבעט זיין — די טעטיקייט אין די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס: ענערגיש און אומדערמידלעך צו מאָביליזירן די מאַסן מיטגלידער אין די יוניאָנס ווי גאַנצע אָרגאַניזאַציעס פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פון די אַרבעטער, פאַר דער פירערשאַפט אין סטרייקס, פאַר דורכפירן אין די יוניאָנס די פּאָליטיק פון קלאַסן־קאַמף. עס איז נויטיק פאַר דער פאַרטיי דורכצופירן ממשותדיקע אַרבעט אין די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס, בייקומענדיק דעם ווידערשטאַנד פון דער טרייד־יוניאָן ביוראָקראַטיע און פון די סעקטאַנטישע רעשטלעך אין די רייען פון דער פאַרטיי און צווישן די אָנהענגער פון דער רעוואָלוציאָנערער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. די קאָמוניסטן און אַנדערע פּראָגרעסיווע אַרבעטער מוזן אַנטוויקלען אַ ברייטע סטרייק־באַוועגונג, קעמפנדיק אַפן גרונט פון טריידיוניאָן דעמאָקראַטיע פאַר דער פירערשאַפט אין די קאַמפן, ניט געקוקט אַף דעם סאַבאָטאַזש און דעם פאַרראַט מצד די טרייד־יוניאָן ביוראָקראַטן, פאַר די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, פאַר דער אָנערקענונג פון די יוניאָנס, קעגן לוין־שניטן און פאַר העכערע ווידזשעס — באַזונדערס אין פאַרבינדונג מיט דעם שטייגנדיקן יקרות—פאַר קלענערע אַרבעטס־שטונדן און אַ פאַרקלענערונג פון לוין, פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, רעליף פאַר אַרבעטלאָזע, א. אז. וו.

2. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי מוז נעמען די איניציאַטיווע אין דעם קאַמף פאַר דער אייניקייט פון די טרייד־יוניאָנס, פאַר זייער אינדוסטריעלער סטרוקטור, פאַר אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער און פאַרשמעלצונג (אַמאַלגעמיישאָן) אַפן באַזיס פון טרייד־יוניאָן דעמאָקראַטיע, פאַר דער אויטאָנאָמיע פון איינצעלנע יוניאָנס אין זייערע אינערלעכע געשעפטן אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער פאַרבינדונג מיט דער א. פ. אָוו ל., מיט דעם גלייכצייטיקן קאַמף געגן דער פּאָליטיק פון קאָמפּאַני־יוניאָניזם.

3. די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס מוזן אָנפירן אַ קאַמף פאַר טרייד־יוניאָן אייניקייט דורך מעטאָדן, וואָס פּאַסן זיך צו די קאָנקרעטע באַדינגונגען אין יעדער אינדוסטריע. די עקזיסטירנדיקע רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס און זייערע לאָקאַלן שליסן זיך אָן אין דער א. פ. אָוו ל. אָדער אירע יוניאָנס וואו נאָר עס עקזיסטירן פּאַראַלעל מאַסן־יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל. אָדער וואו די רויטע טרייד־יוניאָנס קאָנען זיך דירעקט אָנשליסן אין דער א. פ. אָוו ל. די פאָרם פון אַזאַ פאַרשמעלצונג ווענדט זיך אָן דער כחות־פאַרהעלטעניש צווישן דער רעוואָלוציאָנערער און דער א. פ. אָוו ל. יוניאָן. אָבער אונטער אַלע אומשטענדן דאַרפן די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס און זייערע אָפּטיילונגען — נאָכדעם ווי זיי האָבן דאָס קאָלעקטיוו באַשלאָסן—זוכן זיך אָנצושליסן אין די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס ווי אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן, ניט אָפּשוואַכנדיק זייער מאַסן־אַרבעט, נאָר פאַרקערט, אויסנוצנדיק זייער אַריינטריט אין דער א. פ. אָוו ל. ווי אַ מיטל פאַר ברייטער מאָביליזירן די אַרבנדיקע מאַסן אַרום דער רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט, אָרגאַניזירנדיק און צעשטעלנדיק זייערע כחות אַזוי, אַז זיי זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט אויסצואיבן אַ מאַקסימום איינפלוס אַף דער אַרבעט פון די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס. אין יענע פאַלן, וואו עס איז מעגלעך קיין קאָלעקטיווע אָנשליסונג אין די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס דאַרפן מיטגלידער

זיך אנשליסן אינדיווידועל אין די א. פ. או ל. יוניאנס. ווען עס האנדלט זיך אין א רויטער טרייד־יוניאן וועגן אריינטרעטן אין דער א. פ. או ל. אדער זיך פארשמעלצן מיט אן א. פ. או ל. יוניאן, מוז פריער דורכגעפירט ווערן אן ערנסטע אויפקלערונג־ארבעט צווישן די טרייד־יוניאן מאסן, אזוי אז מיטגלידער פון די רויטע יוניאנס זאלן פארשטיין די נויטיקייט פון אזא פאליטישן שריט און נאך דער פארשמעלצונג זאל פארשטארקט ווערן די רעוואלוציאנערע טעטיקייט פון די מיטגלידער פון דער רויטער יוניאן אין דער א. פ. או ל. יוניאן.

4. בלויז יענע רעוואלוציאנערע יוניאנס, וואס זייער אריינטריט אין דער א. פ. או ל. איז איצט אוממעגלעך אין דער פראקטיק, ווען צייטווייליק בלייבן עקזיסטירן זעלבסטשטענדיק, אויסשפרייטנדיק זייער מאסן־באזע, ענערגיש רעקרוטירנדיק נייע מיטגלידער; נאר צו דער זעלביקער צייט דארפן זיי דורכפירן דעם פאראייניקטן פראנט מיט א. פ. או ל. יוניאנס און מיט אינדעפענדענט יוניאנס, פירנדיק דערביי א שטענדיקן קאמף פאר טרייד־יוניאן אייניקייט און פאר זייער אריינטריט אין דער א. פ. או ל. און העלפנדיק אין דער אלגעמיינער פארשטארקונג פון די פאזיציעס פון דער רעוואלוציאנערער טרייד־יוניאן באוועגונג.

פאר טרייד־יוניאן אייניקייט

בעת די קאמוניסטן מאכן עס פאר זייער הויפטאויפגאבע צו ארבעטן אין די טרייד־יוניאנס פון דער א. פ. או ל., טארן זיי צו דער זעלביקער צייט אף קיין פאל ניט אפשוואכן זייער ארבעט אין די אינדעפענדענט יוניאנס, ווי עס איז אנגעוויזן אין פריערדיקע באשלוסן. אבער צוליב די ענדערונגען, וואס קומען פאר אין דער טרייד־יוניאן ארבעט, וועלכע פאדערן, אז דער צענטער פון דער ארבעט זאל אריבערגעטראגן ווערן אין דער א. פ. או ל., איז עס ניט ראטזאם צו שטעלן די פראגע וועגן גרינדן אן אינדעפענדענט פעדע־

ריישאָן אָוו לייבאָר. אינעווייניק אין די אינדעפּענדענט יוניאָנס דאַרפֿן די קאָמוניסטן — נעמענדיק אין באַטראַכט די ספּעציפֿישע באַדינגונגען אין יעדן באַזונדערן פֿאַל — אָנווענדן די זעלביקע טאַקטיק פֿון קאַמף פֿאַר טרייד־יוניאָן אייניקייט און דער אָנשליסונג אָן דער א. פֿ. אָוו ל.

5. דער טאָן, וואָס ווערט גענוצט אין דער פּרעסע בנוגע דער א. פֿ. אָוו ל., מוז געענדערט ווערן. די רעאַקציאָנערע פֿירער פֿון דער א. פֿ. אָוו ל. דאַרפֿן קריטירט און דעמאַסקירט ווערן אַף אַן אופֿן, וואָס זאָל זיין פֿאַרשטענדלעך פֿאַר די רענק־און־פֿייל מיטגלידער, אָבער די א. פֿ. אָוו ל. לאָקאַלן און יוניאָנס דאַרפֿן באַהאַנדלט ווערן ווי מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פֿון אַרבעטער, אין וועלכע מיר פֿירן אָן אַ קאַמף אַריבערצוגעווינען די מאַסן אַף דער זייט פֿון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אַריינציענדיק אַלע אָרנטלעכע באַאַמטע, קעמפֿנדיק פֿאַר אונזער איינפֿלוס, פֿאַר געווינען טרייד־יוניאָן פּאָסטנס, און זייענדיק גרייט צו נעמען אַף זיך די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר זייער אַרבעט.

6. ס'איז נויטיק צו שיינקען אַ מאַקסימום אויפֿמערקזאַמקייט צו אָרגאַניזירן ריכטיק די אַרבעט פֿון די פֿראַקציעס אין די טרייד־יוניאָנס, האָבנדיק אין זינען, אַז מיט אַריבערטראָגן די הויפּט־אויפֿמערקזאַמקייט אַף דער אַרבעט אין דער א. פֿ. אָוו ל. ווערט די אַרבעט פֿון די קאָמוניסטישע פֿראַקציעס פֿון אַנטשיידענער וויכטיקייט, כדי צו פֿאַרזיכערן, אַז אַלע קאָמוניסטן אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג זאָלן אַרבעטן ווי ס'באַדאַרף צו זיין און זאָלן דורכפֿירן די פּאַרטיי־ליניע. אָן שטאַרק און גוט־אָרגאַניזירטע פֿראַקציעס קאָן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ניט דורכפֿירן די נויטיקע בווייגזאַמע טאַקטיק און פֿאַרווירקלעכן איר רעוואָלוציאָנערע ליניע. דורכפֿירנדיק זייערע באַשלוסן דורך די פֿראַקציעס, מוזן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס איבערצייגן די פּאַרטיי - מיטגלידער, וואָס אַרבעטן אין די טרייד־יוניאָנס, אין דער ריכטיקייט פֿון די באַשלוסן, מוזן זיי

העלפן און זיי ציינן אַ ביישפיל און אַזוי אַרום איינשטעלן און פאַרשטאַרקן אינערלעכע דיסציפלין. טאָגטעגלעכע פירערשאַפט איבער די הויפט־פראַגן פון דער אַרבעט פון אונזערע פראַקציעס אין די טרייד־יוניאָנס, ספּעציעל אין באַצוג צו סטרייק־פירערשאַפט, מוז זיין קאָנצענטרירט דירעקט אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פאַרן צענטער און אין די געהעריקע פאַרטיי־קאָמיטעס פאַר די ערטער.

פאַר אַ ריכטיקן צוגאַנג צו דער אַרבעט אין דער א. פ. אָוו ל. איז נויטיק פון סאַמע אָנהויב אַרויסצוקומען קעגן דער באַגרעניצונג פון די אויפגאַבן אין דער דאָזיקער אַרבעט מיט שאַפן אַ „מינאָריטעט־באַוועגונג” אָדער אַן „אָפּאָזיציע”, וואָס וועט אַריינגעמען בלויז די סאַמע מיליטאַנטע עלעמענטן, וועלכע זיינען נאָענט צו די קאָמוניסטן, און וועט ניט שטרעבן צו ווערן אַן אמת׳ע טרייד־יוניאָן קראַפט, וואָס זוכט צו געווינען די טרייד־יוניאָנס, זייערע לאָקאַלן, פאַרשיידענע דערוויילטע אַמטן אין די טרייד־יוניאָן קערפּערשאַפטן, א. אַז. וו. כדי צו ווערן אַ פירנדיקער כח פאַר אַלע אומצופרידענע אַרבעטער, וואָס גייען לינקס, כדי צו ווערן אַ מאַסן־קראַפט, דאַרפן די קאָמוניסטן, קעמפנדיק פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער, פאַרשטאַרקן זייערע קלאַסן־פּאָזיציעס אין דער א. פ. אָוו ל. און אין אַלע טרייד־יוניאָנס, פאַרשטאַרקן די אָפענסיווע קעגן דער ביוראָקראַטיע, אַרבעטן ווי אמת׳ע טרייד־יוניאָניסטן, אַכטונג געבן אַף די געשעפטן פון זייער יוניאָן, קעמפן פאַר אַריעדן דערוויילטן אַמט אין די טרייד־יוניאָנס, פאַר גאַנצע טרייד־יוניאָן אָרגאַנען, אַקטיוו זיך באַטייליקן אין טרענירן נייע קאַדרען רעוואָלוציאָנערע טרייד־יוניאָניסטן.

ביים ענערגישן דורכפירן די דאָזיקע רעאָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט פון דער פאַרטיי אין די יוניאָנס, וועלכע האָט זיך שוין אָנגעהויבן, איז נויטיק צו דערקלערן געניי אינעווייניק אין דער פאַרטיי די אויפגאַבן

פון דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער טרייד־יוניאָן ארבעט, אויסמיידנדיק צו מאַכן שריט אָן דער געהעריקער צו־גרייטונג, וואָס דאָס קאָן בלויז זיין א שטערונג אין דער אַרבעט.

2. דער פאַראייניקטער פראָנט

די באַוועגונג פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט דריקט זיך אויס אין דעם וואוקס און איינפלוס פון דער קאָמו־ניסטישער פאַרטיי צווישן די אַרבעטער, אין דער שטרעבונג פון די אַרבעטער דורכצופירן געמיינשאַפט־לעכע אַקציעס, בייקומענדיק די שטערונג פון פאַך־צעטיילונג און אַנדערע שטערונגען (די באַוועגונג פאַר גענעראַל־סטרייקס), אין צוריקווייזן גרינ׳ס בריוו, וואָס פאָדערט אויף די לאָקאַלן פון דער א. פ. אָוו ל. אַרויס־צוּוואַרפן די קאָמוניסטן, און אַריינציען די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אין דער פאַראייניקטער פראָנט באַוועגונג, אין דער ברייטער באַוועגונג פון דעם פאַראייניקטן פראָנט קעגן פאַ־שיזם און מלחמה. בעת די פאַרטיי איז באַשעפטיקט מיט בייקומען אירע פעלערן אין אָנווענדן די טאַקטיק פון דעם פאַראייניקטן פראָנט, אַ סעקטאַנטישן און פאָרמעלן צוגאַנג צו דער פראַגע פון אַ פאַראייניקטן פראָנט און אויך אָפּאָרטוניסטישע טעות׳ן, מוז די פאַרטיי גלייכצייטיק פאַרזעצן די קאַמפּאַניע פאַר דעם פאַראייניקטן פראָנט אַלס די באַזע פון איר גאַנצער מאַסן־פּאָליטיק.

1. ערשטנס, מוז די פאַרטיי דערקלערן אין אירע אייגענע רייען די באַדייטונג פון דעם פאַראייניקטן פראָנט אין די אַמעריקאַנער באַדינגונגען. דער פאַרזוך פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי צו מאַכן פאַר איר באַזע די טרייד־יוניאָנס און די באַוועגונג פאַר אַ לייבאָר־פאַרטיי, ווייזט, אַז דער סאָציאַל־רעפאָרמיזם זוכט צו שאַפן פאַר זיך אַ ברייטע פּראָלעטאַרישע באַזע און שמעלצט זיך צונויף נאָך מער מיט די פירער פון די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל.

אַ ווייכטיקער כאַראַקטער־שטריך פון דעם קאַמף קעגן סאָציאַל־רעפאָרמיזם און דער פּראָבלעם פון דעם פאַראייניקטן פראָנט אין אַמעריקע איז דעריבער דער פאַקט, וואָס די אַנטוויקלונג פונם פאַראייניקטן פראָנט ווענדט זיך איצט הויפּטזאַכלעך אָן דער פּייאיקער און ענערגישער אַרבעט פון די קאָמוניסטן אין די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס. די דאָזיקע אַרבעט דאַרף געפירט ווערן אַפן גרונט פון פּאַרטיידיקן די אַלגעמיינע קלאַסן־אינטערעסן און באַלדיקע באַדערפענישן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, אַפן גרונט פון געווינען פּאָזיציעס אין די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס פאַר די קאָמוניסטן, כדי צו געווינען דעם צוטרוי פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער א. פ. אָוו ל. דורך מוסטערהאַפטן אָנטייל אין דער לויפנדיקער אַרבעט פון די יוניאָנס, אַזוי גוט ווי אין דער סטרייקבאַוועגונג, אַזוי אַז די מאַסן פון די א. פ. אָוו ל. מיטגלידער זאָלן שטיצן די פּאָליטיק פון קלאַסן־קאַמף און קוקן אַף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ווי אַף זייער אייגענער פּאַרטיי.

2. אַ זייער ווייכטיקע באַדינגונג פאַר דערפאָלגרייך און ריכטיק דורכפירן דעם פאַראייניקטן פראָנט אין אַמעריקע, וואו די אידייע פון אַ זעלבסשטענדיקער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי איז זייער שוואַך אַנטוויקלט צווישן די מאַסן אַרבעטער, איז — קלאָר מאַכן די ראָל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איר טאַקטיק און פּרינציפּן. ס'איז אָבער נויטיק צו האָבן אין זינען, אַז די אַרבעטנדיקע מאַסן וועלן פאַרשטיין די פירנדיקע ראָל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אָננעמען איר פירערשאַפט דעמאָלט, ווען זיי וועלן זען פון דערפאַרונג, אַז די פּאַרטיי פירט זיי צו דערפאָלגן אין דעם קאַמף קעגן קאַפּיטאַל.

3. אַ זייער ערנסטע שטערונג אַפן וועג פון אָרגאַניזירן אַ ברייטן קעמפערישן פאַראייניקטן פראָנט פון דעם אַרבעטער־קלאַס דורך אונזער פּאַרטיי, באַשטייט אין די נאָך אַלץ שטאַרקע סעקטאַנטישע שטריכן אין דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי. די דאָזיקע סעק־

טאַנטישקייט קאָן ניט באַזייטיקט ווערן בלויז דורך אַן אידעאָלאָגישער קאַמפּאַניע, אָדער דורך קאָרעגירן איינצעלנע, אָפּגעזונדערטע פעלערן אין דער פּרעסע אָדער אין דער פּראַקטישער אַרבעט. כדי צו באַזייטיקן די סעקטאַנטישקייט, אַרויסצוקומען אויף דער ברייטער פּאָליטישער אַרענע, פאַרברענגען פאַר די מאַסן אַלע פראַגן פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, געווינען איינפלוס אין די גרויסע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט, און אַריינציען אין דער פּאַרטיי די הויפּט־שיכטן פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער, דאַרף די פּאַרטיי ערנסט און ענערגיש, פון אויבן ביז אַראָפּ דורכפירן אין לעבן די אויפגאַבן וואָס ווערן אָנגעצייכנט אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע און וואָס פאַרקערפּערן קאָנקרעטע פאָרשלאָגן צו העלפן דער פּאַרטיי פאַרווירקלעכן איר קער צו מאַסן־אַרבעט און ביייקומען די רעשטלעך פון סעקטאַנטישקייט.

4. אַ באַלדיקע פּראַקטישע אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי איז — די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דעם פאַראייניקטן פראָנט מיט די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט ווייטערדיקע פאָרשלאָגן צו די נאַציאָנאַלע פירער וועגן אַ פאַראייניקטן פראָנט. די פּאַרטיי־פּרעסע און די פּאַרטייאַגיטאַטאָרס מוזן פאַרברענגען מער איבערצייגנדיקע אַרגומענטן אין דער פּאָלעמיק קעגן דער פּאָליסי און פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אויסמיידנדיק צו באַנוצן זיך מיט זידל־ווערטער אָנשטאָט אַרגומענטן. דאָס פאָדערט אַ שטאַרקערן פּרינציפּעלן קאַמף קעגן סאָציאַל־רעפאָרמיזם אין דער פּרעסע, אַ פאַרשטאַרקונג פון דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אויף דעם דאָזיקן געביט, אָנהאַלטן אַ חבר'שע באַציאונג צו די רעפאָרמיסטישע אַרבעטער און מיט אַ סך געדולד אַנאַליזירן זייערע אַרגומענטן און טעות'ן.

אין איר צוגאַנג צו די פאַרשיידענע גרופּירונגען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, דאַרף די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָנווענדן איר שטאַרקסטן און אינטענ־

סיוון פּייער קעגן דעם רעכטן פליגל פון דער סאָציאַ־
ליסטישער פּאַרטיי, דעמאַסקירן זיין ציניש פּשרה־
פּאָליטיק מיט דער בורזשואַזיע און די א. פּ. אָוו ל.
ביוראָקראַטן, אַפּעלירן צו דער אַנטריסונג פון די
פּראָלעטאַרישע רענק־און־פייל עלעמענטן אין דער סאָ־
ציאַליסטישער פּאַרטיי קעגן די פירער. צו דער זעל־
ביקער צייט מוז אַ זייער אינטענסיווער קאַמף געפירט
ווערן קעגן דער מיטל־שטרעמונג, פּאַרטראָטן דורך
טאָמאַס׳ן, דעם אידעאָלאָגישן פירער פון דער סאָציאַ־
ליסטישער פּאַרטיי. עס דאַרף אָנגעוויזן ווערן, ווי
טאָמאַס און זיין גרופּע קאַפּיטולירן פאַרן רעכטן פליגל,
זיינען אין דער ווירקלעכקייט אומפעיאיק אָנצופירן אַ
פּאָליטיק וואָס זאָל זיך וועזנטלעך אונטערשיידן פון
דער פּאָליטיק פון רעכטן פליגל, און פאַרשטאַרקן די
פּאָזיציע פון דעם רעכטן פליגל אין דער פּאַרטיי. בנוגע
דער לינקער שטרעמונג דאַרפן מיר אָנפירן מער אויפ־
קלערונגס־אַרבעט אין שייכות מיט די פּראָלעטאַרישע
עלעמענטן, אָנווייזן אויף זייערע טעות׳ן, ניט־אויסגע־
האַלטנקייט און וואַקלדיקייט סיי אין פּרינציפּעלע
איינשטעלונגען און סיי אין באַצוג צו דעם צווייענדיקן
כאַראַקטער פון זייער פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי, — אויף
איין זייט, לינקע דעקלאַראַציעס, אויף דער אַנדערער
זייט — די רעכטע פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי ווי אַ
גאַנצער, פאַר וועלכער די לינקע שטרעמונג טראָגט די
פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פירט זי דורך אין דער
ווירקלעכקייט, אין געוויסע פאַלן, צום ווינציקסטן.

אין באַצוג צו די פירנדיקע עלעמענטן פון דער
לינקער שטרעמונג איז נויטיק אָנצופירן אַזאַ פּאָליטיק,
אַז די אַרבעטער־מאַסן זאָלן קאָנען זען, אויף דעם
באָדן פון דער באַציאונג צו וויכטיקע פראַגן פון קלאַסן־
קאַמף מצד יענע עלעמענטן, די ניט־אויפריכטיקייט פון
יענע, וואָס מאַכן נאָר אַן אָנשטעל פון זיין לינק, כדי
אָפּצונאַרן די מאַסן. צו דער זעלביקער צייט דאַרפן
אַלע אויפריכטיקע באַאמטע פון דער סאָציאַליסטישער
פּאַרטיי אַריינגעצויגן ווערן אין געמיינשאַפטלעכער

אַרבעט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס דאַרפֿן זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט די לינקע גרופּן פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ספּעציעל אין מיטלוועסטיקע סטייטס ווי אילינאָי, מישיגען, וויסקאָנסין, וואו אַ גרויסע מערהייט פֿון די שטימען אין דעם רעפֿערענדום איז אָפּגעגעבן געוואָרן פֿאַר דער דעטראָיטער דעקלאַראַציע. יעדע מעגלעכע דערמוטיקונג דאַרף געגעבן ווערן דער גרופּע, וואָס שטיצט דעם פֿאַראייניקטן פֿראָנט, אַזוי גוט ווי אַלע אויספּריכטיקע אונטערשטיצער פֿון דעם פֿאַראייניקטן פֿראָנט. בנוגע דער דעקלאַראַציע גופֿא, דאַרף זי אָנערקענט ווערן ווי אַ שריט לינקס אין פֿאַרגלייך מיט דער פֿריערדיקער פּאָזיציע פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און דער פּאָזיציע פֿון די רעכטע, אָבער צו דער זעלביקער צייט דאַרף אָנגעוויזן ווערן סײַ אויף די חסרונות פֿון דער דעקלאַראַציע און סײַ אויף דעם פֿאַקט, אַז בכלל גענומען איז דאָס אַ קאָמפּראָמיסלעכע רעפֿאָרמיסטישע פּלאַטפֿאָרם.

די דערפֿאָלגרייכע אָנווענדונג פֿון דעם פֿאַראייניקטן פֿראָנט איז מעגלעך נאָר אַ דער באַדינגונג, אַז די פּאָזיציע פֿון דער פּאַרטיי אין דער דאָזיקער פֿראַגע און די דערפֿאַרונג אָפּן געביט פֿון אָנפֿירן דעם פֿאַראייניקטן פֿראָנט וועלן סיסטעמאַטיש דערקלערט ווערן אין דער פּאַרטיי־פּרעסע.

3. די לייבאָר־פּאַרטיי

די פּאָליטישע ענדערונגען, וואָס זיינען פֿאַרגעקומען צווישן די מאַסן, פֿאָדערן, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זאָל רעווידירן איר שטעלונג צו דער פֿראַגע פֿון אויפֿלעבן די מאַסן־שטימונג פֿאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי און צו אַזאַ פּאַרטיי, אויב זי זאָל געגרינדעט ווערן אויף אַ מאַסן־מאַסשטאַב. דער ריכטיקער צוגאַנג צו דער דאָזיקער פֿראַגע איז פֿאָרמולירט געוואָרן, אין אַלגעמיין, דורך דעם זעקסטן וועלט־קאָנגרעס פֿון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין דער פֿאָלגנדיקער פֿאָרם:

„איבער דער פֿראַגע פֿון אָרגאַניזירן אַ לייבאָר־

פּארטיי, באשליסט דער קאָנגרעס, אז די פּארטיי זאָל
קאָנצעטרירן איר אויפמערקזאמקייט אף דער אר־
בעט אין די טרייד־יוניאָנס, אף אָרגאניזירן די ניט־
אָרגאניזירטע, א. אז. וו., און אזוי ארום לייגן דעם
פונדאמענט פאר דער פּראקטישער פּארווירקלעכונג
פון דעם לאָזונג פון א ברייטער לייבאָר־פּארטיי אָר־
גאניזירט פון אונטן."

זינט דעם יאָר 1929 ביז איצט האָט די דאָזיקע
ריכטיקע אָריענטאציע געפאָדערט, אז די קאָמוניסטישע
פּארטיי זאָל זיין אינגאנצן קעגן די לויפנדיקע פאָר־
שלאגן צו אָרגאניזירן א לייבאָר־פּארטיי, וועלכע האָט,
אין יענעם פּעריאָד, געקאָנט זיין בלויז א צוטשעפּעניש
צו די עקזיסטירנדיקע בורזשואזע פּארטייען. די גע־
שעענישן אין יאָר 1934 הויבן אָבער אָן אוועקצושטעלן
די דאָזיקע פּראגע אין א נייער ליכט. דער מאסנ־
האפטער פאנאנדערפאל פון דער טראדיציאָנעלער פּאר־
טיי־סיסטעם האָט זיך אָנגעהויבן און א נייע מאסן־
פּארטיי קאָן פאָראויס־קומען אין דער נאָענטער צו־
קונפט.

פיר פאַרשיידענע טיפּן

וואָס איז שייך דעם כאראקטער פון דער נייער
מאסן־פּארטיי, זיינען די גרעסטע ווארשיינלעכקייטן,
וואָס שפּיגלען אָפּ די צוויי פּאָליטישע הויפּט־טענדענצן
פון דער דאָזיקער באוועגונג — קלאסן־קאמף אָדער
קלאסן־מיטארבעטערשאפט — 1) א „פּאָפּולערע" אָדער
„פּראָגרעסיווע" פּארטיי, באזירט אף דער לאפּאָלעט,
סינקלעיר, אָלסאָן און לאָנג באוועגונגען און כאראק־
טעריזירט דורך אָט־די פירער און זייערע פּראָגראמען;
2) א „פּארמער־לייבאָר" אָדער א „לייבאָר־פּארטיי פון
דעם זעלביקן כאראקטער, נאָר אונטער אן אנדער נאָמען
און מיט אן אנדער גראד דעמאגאָגיע; 3) א „לייבאָר"־
פּארטיי מיט אן הויפּטזאכלעך טרייד־יוניאָן באזע, מיט
א פּראָגראם פון באלדיקע פאָדערונגען (מעגלעך —
מיט א צעשוואומענער דעמאגאָגיע וועגן דער „קאָאָפּע־

ראַטיווער געזעלשאַפט" אַ־לאַ אָלסאָן), באַהערשט דורך אַ טייל פון דער טרייד־יוניאָן ביוראָקראַטיע מיט דער הילף פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אויס־שליסנדיק די קאָמוניסטן; 4) אַ לייבאָר־פּאַרטיי געבויט פון אונטן אויף טרייד־יוניאָן באַזע, אָבער אין קאָנפליקט מיט דער ביוראָקראַטיע, מיט אַ פּראָגראַם פון פאָדערונגען, וואָס זיינען ענג פאַרבונדן מיט מאַסן־קאַמפן, סטרייקס א. אז. וו., מיט אַ פירנדיקער ראָל פאַר די מיליטאַנטע עלעמענטן, איינשליסנדיק די קאָמוניסטן. אָט־די וואַריאַנטן קאָנען זיך אַנטוויקלען אויך פּאַראַלעל אָדער קאָמבינירט איינער מיט אַ צווייטן.

די הויפּט־אויפגאַבע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז צו אַנטוויקלען און שטאַרקן איר אייגענעם דירעקטן איינפלוס, צו פאַרגרעסערן איר צאָל מיטגלידער און אויף יעדן אופן צו פאַרשטאַרקן די אויטאָריטעט פון דער פּאַרטיי צווישן די מאַסן, צו קעמפן פאַר אירע פּרינציפּן און טאַקטיק. גראָד דערפאַר, וואָס־דאָס לעבן אַליין שטעלט אַוועק די פראַגע פון אַ לייבאָר־פּאַרטיי, מוזן מיר פאַרשטאַרקן אונזער אייגענע פּאַרטיי ווי די איינציקע ווירקלעך־זעלבסטשטענדיקע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, וואָס קאָן ניט פאַרביטן ווערן אויף קיין אַנדער אָרגאַניזאַציע אין דעם קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס פאַר זיין באַפרייאונג. די פּאַרטיי קאָן אָבער ניט דערוואַרטן, אַז זי זאָל באַלד און דירעקט ברענגען אונטער איר אייגענער פאָן די מיליאָנען, וואָס רייסן זיך אַוועק פון די אַלטע פּאַרטייען. צו דער זעלביקער צייט קאָן זי ניט בלייבן גלייכגילטיק אָדער פּאַסיוו צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע מיליאָנען און אויך ניט — צו דער אָרגאַניזירטער פאָרם, וואָס זייער פּאָליטישע טעטיקייט וועט אָננעמען.

1. אין די דאָזיקע זיך־ענדערנדיקע באַדינגונגען מוז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ענדערן איר נעגאַטיווע שטעלונג צו דער פראַגע פון אַ לייבאָר־פּאַרטיי. זי דאַרף דערקלערן איר שטיצע פאַר דער באַוועגונג צו

גרינדן אַ לייבאָר־פּאַרטיי און קעמפן אין דער דאָזיקער באַוועגונג פאַר דער פּאָליטיק פון קלאַסן־קאַמף, באַקעמפנדיק יעדן פאַרזוך צו ברענגען די דאָזיקע באַוועגונג אונטער דעם קאָנטראָל פון סאָציאַל־רעפאָרמיזם. זי מוז זיך גלייך פאַרבינדן מיט אַלע עלעמענטן, וואָס זיינען גרייט צו אַרבעטן לאָיאַל פאַר או ענלעכן צוועק. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי מוז אָנפירן אַ סיסטעמאַטישן קאַמף קעגן יעדן פאַרזוך צו פאַרקירעווען די דאָזיקע באַוועגונג אַפן וועג פון אַ „פּאָפּולערער" אָדער „פּראָגרעסיווער" פּאַרטיי אָדער אַפן וועג פון אַ פּאַרטיי פון דעם זעלביקן כאַראַקטער, וואָס פּאַראַדירט ווי אַ „לייבאָר־פּאַרטיי". דאָס איז אויך אַ פּראַקטישער באַזיס פאַר דעם קאַמף קעגן ביוראָקראַטישן קאָנטראָל פון דער מאַסן־באַוועגונג. מצד די רעכטע רעפאָרמיסטן, וואָס ווילן אַרויסוואַרפן די קאָמוניסטן און די רעוואָלוציאָנערע רענק־און־פייל מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע.

דעריבער מוזן געמאַכט ווערן אַלע אָנשטרענגונגען קלאָר צו מאַכן דעם אונטערשייד צווישן אָט־די צוויי לאַגערן, וואָס זוכן צו קירעווען די מאַסן־באַוועגונג אַף פאַרשיידענע וועגן — אַף איין זייט צו מאַכן פון אַזאַ פּאַרטיי אַ מעסיקע, ליבעראַלע און סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע אָפּאָזיציע, וואָס זאָל פאַרמאַסקירן איר קלאַסן־קאָאָפּעראַציע און אונטערוואָרפנקייט פון די אַרבעטער צו די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן, די אינטערעסן פון פּראָפיט און פּריוואַט־אייגנטום; און פון דער אַנדער זייט — אַ רעוואָלוציאָנערער מאַסן־קאַמף פאַר די באַלדיקע פאָדערונגען, וואָס גייען אַרויס פון די גרענעצן פון די אינטערעסן פון קאַפּיטאַל. אין דעם דאָזיקן קאַמף פאַר אַ קלאָרער אונטערשיידונג מוז מען זיין פאָרזיכטיק אויסצומיידן שמאָלע סעקטאַנטישקייט, וואָס וואָלט בלויז געשפּילט אין די הענט פון די רעפאָרמיסטן. דאָס מיינט, ערשטנס, אַז די באַזע פאַר פאַראייניקן דעם אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיין — די באַלדיקע אינטערעסן, וואָס האָבן דעם ברייטסטן מאַסן־

אַפּיל, ניט דערלויבנדיק די רעפאָרמיסטן צו צעשפּליטערן די מאַסן דורך ספּעקולירן אַף דעם פאַקט, וואָס אַ טייל פון די אַרבעטער נעמט אָן די פּראָגראַם פון דעם קלאַסן־קאַמף, אַזוי ווייט ווי און איינשליסנדיק די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, בעת אַ צווייטער טייל שטיצט די פּאָליטיק פון קלאַסן־קאַמף בלויז פאַר די טיילווייזע פאָדערונגען פון די אַרבעטער, נאָר זיינען נאָך ניט גרייט צו גיין ווייטער אַף דעם דאָזיקן וועג.

2. אין דער דאָזיקער סיטואַציע איז דער איינפאַכער לאָזונג „פאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי”, וואָס דריקט אויס אַזוינע פאַרקערטע טענדענצן, אין זיך גופא ניט גענוג ווי אַ ווירקזאַמע פאָן, אונטער וועלכער די קלאַסן־כוחות פון די אַרבעטער קאָנען פאַרזאַמלט ווערן. די קאָמוניסטן טרעטן אַריין אין דער באַוועגונג פאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי בלויז מיט דעם צוועק צו העלפן די מאַסן זיך אָפּצושיידן פון די בורזשואַזע און סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע פּאַרטייען און צו געפינען דעם וועג צום רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף.

אַלע פּריציפּיעלע אָרגאַניזאַציאָנעלע שריט דאַרפן פאָרזיכטיק אויסגעמיטן ווערן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי טאָר איצט ניט נעמען די איניציאַטיווע אין גרינדן אַ לייבאָר־פּאַרטיי אַף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אָבער אין די פאַרשיידענע סטייטס וועט די דאָזיקע פּראַגע אַרויפשווימען אַף פאַרשידענע אופנים, לויט די לאָקאַלע כוחות־פאַרהעלטענישן. עס וועט זיין נויטיק צו שטודירן אין יעדן פאַל די סיטואַציע און איר טעמפּ פון אַנטוויקלונג, און צופּאַסן אונזער פּראַקטישע שטעלונג און טאַקטיק צו די דאָזיקע אומשטענדן. אין יענע סטייטס וואו די באַדינגונגען זיינען רייף פאַר דער גרינדונג פון אַ מאַסנהאַפטער לייבאָר־פּאַרטיי, דאַרף די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַליין, אָדער דורך מענטשן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען נאָענט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נעמען די איניציאַטיווע צו געבן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם צו דער דאָזיקער באַוועגונג. די פּאַרטיי דאַרף אין זינען האָבן, אַז די באַוועגונג

פאר א לייבאר־פארטיי וועט בלויז דעמאלט דינען ווי א געווער אף צו פאנאנדערוויקלען דעם קלאסן־קאמף פון דעם פראלעטאריאט און גרינגער מאכן זיין באפרייאונג פון דעם רעפארמיסטישן איינפלוס, ווען די פארטיי וועט פון סאמע אנהויב שפילן אן אקטיווע ראל און ארויסווייזן איניציאטיווע; ווען זי וועט ארבעטן ענערגיש אין דער א. פ. או ל., וועט געווינען וויכטיקע פאזיציעס און פארצייכענען דערפאלגן אין דער ארגאניזירונג פון דעם פאראייניקטן פראנט מיט סאציאליסטישע און רעפארמיסטישע ארבעטער. אף אזא אופן וועט אונזער פארטיי אויך זיין אין א לאגע ערנסט אויסצואיבן איר רעוואלוציאנערן איינפלוס אף די ברייטע מאסן, זיך באטייליקן אין דער באוועגונג פאר א לייבאר־פארטיי און געווינען די מאסן אף דער זייט פון אן אמת'ער רעוואלוציאנערער פאליטיק.

דער קאמף פאר פאליטישער פירערשאפט פון די מאסן, וואס רייסן זיך איצט אוועק פון די דעמאקראטישע און רעפובליקאנער פארטייען ווענדעט זיך, אף אלע שטופן זיינע, אן דעם כסדר'דיקן וואוקס און שטארקונג פון דער קאמוניסטישער פארטיי, ווי א זעלבסטשטענדיקע רעוואלוציאנערע קראפט. פאר דעם דאזיקן צוועק איז נויטיק צו פאפולאזירן די פארטיי־פראגראם צווישן אלע ברייטערע מאסן. דער הויפט־מיטל פאר דעם דאזיקן צוועק איז — די דרייסטע און ענערגישע אנטוויקלונג פון אונזער ארבעט פאר דעם פאראייניקטן פראנט אף אלע געביטן, אבער אין דער ערשטער ריי — אין די יוניאנס, ספעציעל אין די יוניאנס פון דער א. פ. או. ל.

די רעזולטאטן פון די וואלן ווייזן, אז כאטש רוזוועלט'ס איינפלוס אף די מאסן איז ביז א געוויסן גראד אפגעשוואכט געווארן, איז ער נאך אלץ א דאמינירנדיקע קראפט. די קאמוניסטישע פארטיי האט ניט גענוג אויסגענוצט די געלעגנהייטן פאליטיש אויפצוקלערן די מאסן, וועלכע זיינען אנטוישט מיט דעם „נייעם דיל”. בורזשואזע רעפארמיסטן פון אפטאן

סינקלעיר'ס מין, די פּראָגרעסיווע פון לאַפאָלעט'ס חדר, די פאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי מיט אָלסאָן'ען אָן דער שפּיץ א. אז. וו., האָבן באַוויזן מיטצורייסן אַ גרויסע מערהייט פון די, וואָס האָבן אַפּגעבראָכן מיט רוז־וועלט'ן און די רעפּובליקאַנער. דאָס רוקט אַרויס די נויטווענדיקייט צו פאַרבעסערן און פאַרשטאַרקן די פּאָליטישע אַגיטאַציע פון אונזער פּאַרטיי און אַף אַ מער־איבערצייגנדיקן אופן דעמאַסקירן רוזוועלט'ס פּאָ־ליטיק, זיינע בורזשואַזע מיטלויפער און געגנער פון לינקס. אָנפירנדיק אַן אינטענסיווע קאַמפּאַניע קעגן די עקסרעם־רעכטע פאַשיסטישע און האַלב־פאַשיסטישע פאַרטרעטער פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל — די רעפּובלי־קאַנער פּאַרטיי, די אַמעריקאַן ליבערטי ליג, א. אז. וו., איז גלייכצייטיק נויטיק צו ווייזן די קלאַסן־קרובה'־שאַפט פון רוזוועלט'ס פּאָליטיק מיט דער פּאָליטיק פון זיינע געגנער פון רעכטס. עס איז נויטיק צו דערקלערן די מאַסן, אַז רוזוועלט מיט זיין „נייעם דיל" און זיין „ען אר־עי" פּאָליטיק האָט ניט בדעה צו שטערן די וואָל־סטירט קאַפּיטאַליסטן דורכצופירן זייער פּאָליטיק, נאָר פאַרקערט, — ער באַנוצט מער פלינקע מעטאָדן אַף צו מאַכן גרינגער פאַר די קאַפּיטאַליסטן דורכצופירן זייער פּאָליטיק. בלויז דער קלאַסן־קאַמף קעגן דער גאַנ־צער פּאָליטיק פון דער בורזשואַזע קאָן פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די מאַסן און צעשמעטערן די פּלענער פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל און פאַשיזם.

כדי צו פאַרשטאַרקן די אַרבעט פון דער פּאַרטיי איז נויטיק ווייטער צו פאַרבעסערן דעם „דעילי וואָרקער", וואָס האָט פאַרצייכנט אַ צאָל דערפאָלגן. די פּאָליטישע אַגטאַציע אין דער צייטונג און די פּראָפּאַגאַנדע פון דער טאַקטיק און פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי מוזן פאַר־בעסערט ווערן און עס מוז מיט אַלע מיטלען פאַר־שטאַרקט ווערן דער קאַמף קעגן סאָציאַל־רעפאָרמיזם. אַף דער איצטיקער שטופע פון אַנטוויקלונג מוז דער צענטראַלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, דער „דעילי

...זער”, קריגן אַ מער מאַסנהאַפטן כאַראַקטער, סײַ
אין אינהאַלט און סײַ אין פאָרם, אַזוי אַז ער זאָל
קאָנען דערגרייכן הונדערטער טויזנטער לייענער.
די פאַרטיי מוז ווײַטער אַנטוויקלען איר פאַרלאַג־
טעטיקייט, פאַרבעסערנדיק איר פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט
און אַ סך פאַרגרעסערנדיק די אויסגאַבע פון פּראָ־
פּאַגאַנדיסטישע ליטעראַטור.
עס מוז פאַרשטאַרקט ווערן די אַרבעט אויפן געביט
פון טרענירן נײַען קאַדרען פאַר דער פּאַרטיי. די סיסטעם
פון אינסטרוקטאָרן, וואָס האָט זיך באַרעכטיקט אין
דער פּראַקטיק ווי אַ ווירקזאַמע פאָרם פון ענגערן קאָנ־
טאַקט און הילף פאַר די אונטערשטע פּאַרטיי־אָרגאַני־
זאַציעס מצד די פירנדיקע קערפּערשאַפטן, מוז אויס־
געשפּרייט און אויסגעבעסערט ווערן אויף דעם באַזיס
פון די דורכגעמאַכטע דערפאַרונגען. צו דער זעלביקער
צײַט דאַרף אויף יעדן אופן אַנטוויקלט ווערן די איני־
ציאַטיווע פון די אונטערשטע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס,
וועלכע דאַרפן קריגן פירערשאַפט, וואָס איז באַזירט אויף
איבערצײַגונג, בײַשפּילן און הילף.